STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10958

VOS IZ GLIK?

Berthold Auerbach

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קלאסישע און מאדערנע ביבליאטעס.

בּערטהאלד אויערבאך

וואס איז גליק?

איבּערזעצט פֿון
מאררים מייער.

בּילד פֿון פֿערפֿאסער.
פֿארװארט פֿון איבּערזעצער.

ארויסגעגעבּען פֿון
ענגליש-יודישען פערלאג
לאנדאן.

בערטהאלד (ברוך) אויערבאך.

פיעלע יודישע נעמען שטראהלען, ווי ליכטיגע פינקלענדע שטערען, אויף דעם האריזאנט פון דער וועלט ליטעראטור. פיעלע יודישע דיכטער און שריפטשטעלער האבען מיט זייערע פערלדיגע ווערק פערגרעסערט די ליטעראַרישע אוצרות, רייכער געמאכט די ליטעראטורען פון פערשיעדענע ציוויליזירטע פעלקער און נאציאנען. אבער אין קיין ליטעראטור האבען יודען ניט פערנומען אזא פראמינענטען און בכבוד'ינען פלאץ ווי אין דער דייטשער ליטעראטור. אין איהר האבען יודישע דיכטער און שריפטשטעלער געשאפען אונשטערבליכע ווערק, וואס וועלען איבערלעבען פיעלע הונדערטער יאהרען און דורות. ווען מען זאל אוועקנעהמען די יודישע דיכטער און שריפטשטעלער מיט זייערע ווערק פון דער דייטשער ליטעראטור וואלט זי פערלארען א גרויסען טהייל פון איהר גלאנץ און פראכט; ס'וואלט אין איהר אויסגעפעהלט פיעלעס, וואס מאכט איהר פאלקאמען, און וואס מען וואלט מיט קיין אנדערער זאך ניט געקענט אויספילען. איינער פון די יודישע שריפטשטעלער, וואס קען בעטראכט

װערעֶן אַלס אַ זַײל פֿוּן דעֶם דײַטשעֶן לִיטעֶראַרִישעֶן בנין אִיז בעֶרטהאָלד אויעֶרבאַך. דעֶר פּעֶרפֿאַסעֶר פֿוּן „וואָס אִיז גלִיק", וואָס אִיך זעֶץ דאָ אִיבעֶר אִין יודִיש.

בעֶרטהאָלד, אָדעֶר ברוך, אויעֶרבאַך אִיז געֶבאָרעֶן געֶוואָרעֶן דעם 28־טעֶן פֿעֶברואַר 1812 אִין דעם דאָרף נאָרדסטעֶטעֶן אִין שוואַרץ־וואַלד, דײַטשלאַנד. די אַרומִינגעֶ שעֶהנעֶ נאַטוּר מִיט די גרִינעֶ פֿעלדעֶר, בעֶרג, טהאָלעֶן, וועֶלדעֶר און טײַכעֶן, מִיט די גראָזעֶן, בלומעֶן און בוימעֶר, האָט געֶווירקט, אויף זײַן מוטעֶר, בעת זי האָט מִיט אִיהם געֶשוואַנגעֶרט און עֶר אִיז געֶבאָרעֶן געוואָרעֶן מִיט אַ טִיעֶף פִיהלעֶנדעֶר דִיכטעֶר נשמה. דאָס לעֶבעֶן פֿוּן דעֶם דאָרף, אִין וועֶלכעֶן עֶר האָט פֿעֶרבראַכט זײַנעֶ קינדעֶר יאָהרעֶן, האָט זִיך טִיעֶף אײַנגעֶקרִיצט אִין זײַן האַרץ און מוח; די אײַנדריקעֶ וואָס עֶר האָט פֿוּן דעם לעֶבעֶן בעֶקוּמעֶן האָבעֶן בײַ אִיהם ארויסגעֶרוּפֿעֶן נאַכהעֶר שעֶהנעֶ און אַנגעֶנעֶהמעֶנעֶ ערִינעֶרונגעֶן, וועֶלכעֶ האָבעֶן אִיהם בעֶגײַסטעֶרט צוּ דיכטעֶרִישעֶר און שרִיפֿטשטעֶלערִישעֶר שאַפֿונג, מאַכעֶנדִיג אִיהם פֿאַר אײַנעֶם פֿוּן די בעֶדײַטעֶנדסטעֶ שרִיפֿטשטעֶלעֶר פֿוּן זײַן צײַט אִין דײַטשלאַנד.

אויעֶרבאַך'ס עֶלטעֶרן האָבעֶן נִיט פֿעֶרשטאַנעֶן, און זײַ האָבעֶן אויך נִיט געֶקעֶנט וויסעֶן, וועֶלכעֶ עֶס זײַנעֶן זײַנעֶ פֿעֶהִיגקײַטעֶן, צי וואָס עֶר האָט אײַגעֶנטלִיך אַ נײַגונג, ס'האָט זִיך זײַ אַפִֿילו נִיט געֶ'חלומ'ט, אַז עֶר וועֶט שפִּיעֶלעֶן אַזאַ גרויסעֶ ראָלעֶ אִין דעֶר דײַטשעֶר לִיטעֶראַטור, זײַער וואונש אִיז געֶוועֶן, אַז ער זאָל אויסוואַקסעֶן אַ יודישעֶר ראַבִּינעֶר.

נאָך דעם וואָס זיי האָבען איהם ערצויגען אין יודישען גייסט, האַלטענדיג צו איהם אַ ספּעציעלען לעהרער, אַ געוויסען פראַנקפורטער, האָבען זיי איהם אַוועק געשיקט, ווען ער איז אונטערגעוואַקסען, אין דער ישיבה פון העכינגען און נאַכהער אין דער ישיבה פון קארלסרוהע צו לערנען דעם תלמוד. ער האָט אָבער ניט געהאַט קיין גרויסע נייגונג צו דער אבסטראקטער גאָטעס-לעהרע. ווי פיעלע אַנדערע דענקענדע יונגע לייט, פון זיין צייט און אַנדערע צייטען, האָבען איהם מעהר אינטערעסירט וועלטליכע, ווי הימלישע זאַכען, און ער האָט פערביטען די ישיבה אויף דעם גימנאַזיום און דאַן אויף דער אוניווערזיטעט. ער האָט צוערשט בעקומען זיין העכערע בילדונג אין דעם אָבערגימנאַזיום פון שטוטגאַרט, דאַן אין 1832, ווען ער איז אַלט געווען 20 יאָה״, איז ער אָנגעקומען אין דער אוניווערזיטעט פון טיבינגען, וואו ער האָט אָנגעפאַנגען שטודירען יוריספּרודענץ (געזעץ און רעכט).

די פיעלע יאָהרען, וואָס אויערבאַך האָט פערבראַכט אין דער ישיבה, זיינען אָבער ניט פאָראיבערגעגאַנגען אָהנע צו לאָזען אַ ווירקונג אויף איהם; זיין מוח איז אין יענע יאָהרען אויסגעשליפען געוואָרען און ער האָט בעקומען אַ נייגונג צו גריבלען זיך. די יוריספּרודענץ האָט ניט געקענט בעפרידיגען זיין גריבלענדען גייסט און ער האָט זיך פון איהר אויך דערווייטערט. צו יענער צייט איז ערשיענען דאָס ווערק „דאָס לעבען פון ישו״ פון דעם בעריהמטען טהעאָלאָג און

פִֿילאָזאָף דאַוויד פֿרִידעֶרִיך שטרוים, וועלכעֶם האָט פֿעֶראורזאַכט אַ גרוֹים אִיבעֶרקעֶהרעֶנִיש אִין דִי סוחות פֿוּן דעֶר יוּגעֶנד. אויעֶרבאַך אִיז אויך בעֶאײַנפֿלוסט געֶוואָרעֶן פֿוּן דעֶם ווערק אוּן עֶר האָט זִיך גענומעֶן שטוּדִירען דִי פִֿילאָזאָפִֿיעֶ אוּן אִיהר געֶשִׁיכטעֶ. פֿוּן טִיבִינגעֶן אִיז עֶר אַרִיבעֶרגעֶפֿאָהרעֶן נאָך מִינִיך, אויך דאָרט האָט עֶר פֿאָרטגעֶזעצט דעֶם זעֶלבעֶן שטוּדִיאום. אוּנטעֶר דעֶר פִֿיהרוּנג פֿוּן דעֶם בעֶקאַנטעֶן דײַטשעֶן פִֿילאָזאָף שעֶלִינג. דאָס זעֶלבעֶ האָט עֶר געֶטהוּן ווען עֶר אִיז געֶוועֶן אִין הײַדעֶלבעֶרג. דאָרט האָט עֶר געֶלעֶרענט פֿוּן דִי פִֿילאָזאָפֿעֶן דאַוּב אוּן שלאָסעֶר.

דאָס שטוּדִירעֶן דִי פִֿילאָזאָפִֿיעֶ אוּן אִיהר געֶשִׁיכטעֶ האָט אויעֶרבאַך'ן געֶפִֿיהרט דעֶרצוּ, דאָס ער אִיז געֶוואָרעֶן אַ הײַסעֶר אנהעֶנגער פֿוּן שפִּינאָזא'ס פִֿילאָזאָפִֿישעֶ שִׁיטה. קײַן וואונדעֶר אִיז דאָס נִיט: אִין שפִּינאָזא'ס פִֿילאָזאָפִֿישעֶ ווערק שוועֶבט דעֶר יוּדִישער גײַסט, אויערבאַך'ס דעֶנקעֶן אִיז אויך געֶוועֶן אַ העֶכסט יוּדִישעֶר; אִין שפִּינאָזא'ס פִֿילאָזאָפִֿיע האָט עֶר געֶפֿוּנעֶן זײַן אײַגעֶן דעֶנקעֶן, אוּן אִין זײַן אײַגעֶן דעֶנקעֶן האָבעֶן זִיך אויסגעֶדרִיקט כמעט דִי זעֶלבעֶ מײַנוּנגעֶן אוּן אַנשויאוּנגעֶן ווִי בײַ שפִּינאָזא'ן. שפִּינאָזא אִיז בײַ אויעֶרבאַך'ן געֶוועֶן פֿעֶררעֶכעֶנט פֿאַר דעֶם פֿאָלקאָמסטען פִֿילאָזאָף, טִיעֶפֿסטעֶן דעֶנקעֶר אוּן גרִינדלִיכסטעֶן ענטדעֶקעֶר פֿוּן דעם אמת. אויעֶרבאַך האָט געֶהאַלטעֶן שפִּינאָזא'ן פֿאַר זײַן גײַסטִיגעֶן פִֿיהרעֶר בִּיז צוּ זײַן טוֹיט, אוּן עֶר האָט אָבגעֶגעֶבעֶן אַ גרוֹיסעֶ טהײל פֿוּן זײַן לִיטעֶראַרִישעֶר טהעֶטִיגקײַט פֿאַר דעֶם

צווֶעק: צו פֶערהערליכֶען דעם פילאָזאָף; און צו בעקֶענֶען די וועלט מיט זיין לעבען, מיט זיין דענקען און מיט זיינע שריפטען.

דורך זיין שטודירען די פילאָזאָפיע האָט אויערבאַך ניט פערגעסען דאָס לעבען. ער האָט זיך בעטהייליגט אין דער פרייהייטס בעוועגונג, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין זיין יוגענד-צייט, צווישען דער דענקענדער און שטודירענדער וועלט, געגען דער הערשענדער טיראַניי, פאַר דער פרייהייט פון פאָלק און פאַר דער דעמאָקראַטיזירונג פון'ם שטאַאט. אויערבאַך איז דורך דעם פערפאָלגט געוואָרען: מען האָט איהם געשטערט צו ענדיגען זיין אוניווערזיטעטס שטודיאים; מען האָט איהם אויך אַרעסטירט אין 1837, האַלטענדיג איהם פערשפאַרט אין דער טורמע האהענאַספערג גאַנצע דריי מאָנאַטען.

ניט קענענדיג ענדיגען די אוניווערזיטעט, ניט קענענדיג זיך דערשלאָגען צו אַ קאַריערע אַלס אַ געלעהרטער, האָט זיך אויערבאַך גענומען צו ליטעראַרישער אַרבייט. ער האָט אָנגעפאַנגען שרייבען פאַר פערשיעדענע צייט-שריפטען און זשורנאַלען. איינע פון זיינע ערשטע שריפטען, וואָס איז פערעפענטליכט געוואָרען אַלס אַ ביכעל, איז געוועזען אַנ'ענטפער אויף אַנ'אַטאַקע, וואָס וואָלפגאַנג מענצעל האָט געמאַכט געגען די „יונגע דייטשלאַנד“. מיט דעם נאָמען יונגע דייטשלאַנד האָט מען גערופען די פראָגרעסיווע ריכטונג אין דער פילאָזאָפיע און ליטעראַטור, וועלכע האָט בעהערשט דעם גאַנצען יונגען דור אין די דייטשע לענדער. מענצעל האָט

בעשוּלדיִגט די יוּנגע פִּילאָזאָפען, דיִכטער אוּן שריִפטשטע־לער, אַז זיִי זײַנען בעאײַנפלוסט פוּן יודען, ער האָט דער־פאַר געגען די לעצטע אויסגעגאָסען זײַן גריִמצאָרן, ערקלעה־רענדיִג, אַז זיִי זײַנען שוּלדיִג אין דער אגיִטאַציע פאַר פרײַ־הײַט, וואָס איִז אָנגעגאַנגען. אויערבאַך האָט דערויף גע־ענטפערט מיִט זײַן שריִפט: „דאָס יודענטהוּם אוּן די נײַ־עסטע ליִטעראַטוּר“, איִן וועלכער ער האָט ניִט געזוּכט אָב־צוּאהאַרפּען פוּן די יודען די שוּלד, אַז זיִי זוּכען צוּ שאַפען אַ פרײַערען שטאַאט, זאָנדערן ער האָט פערטהײדיִגט די יוּ־דיִשע שטרעבוּנגען אַלס הויכע אוּן שעהנע איִדעאַלען, וואָס זײַנען ווערטה מעהר שעצוּנג, אַכטוּנג אוּן אַנערקענוּנג, ווי מענצעל האָט זיִי געגעבען.

אויערבאַך האָט בכלל, איִן דער יוּגענד, גענוּמען אַ גרוי־סען איִנטערעס איִן יודיִשען גײַסטיִגען לעבען; כמעט אַלע זײַנע ערשטע ווערק צײַגען דאָס. איִן 1838 האָט ער צוּזאַ־מען מיִט ג. פראַנקפוּרט אַ־ויסגעגעבען ווײַטערע אויסגאַבען פוּן דער „גאַלעריע פוּן אויסגעצײַכענטע איִזראַעליִטען פוּן אַלע יאָהר־הוּנדערטע, זײַערע בילדער אוּן ביִאָגראַפיִעס“, וואָס שפּאַציִער האָט נאָך פריִהער אָנגעפאַנגען. כמעט אַלץ צוּ דער זעלבער צײַט האָט ער געשאַפען זײַן וויכטיִג ווערק „שפּיִנאָזא“, אַ ראָמאַן איִן צווײ טהײלען, איִן וועלכען ער האָט געשיִלדערט בילדליִך דאָס לעבען אוּן דענקען פוּן דעם גרויסען, יודיִשען פיִלאָזאף. איִן 1839 האָט ער פערעפענט־ליִכט „דיִכטער אוּן קויפמאַן“, איִן וועלכען ער שיִלדערט דאָס

לעבען פון דעם יודישען וויצלינג משה אפרים קוה, איבער־געבענדיג דערמיט, אין א פאָעטישער פאָרמע, א קולטור געשיכטליך בילד פון'ם יודישען לעבען און משה מענדעל־זאָהנ'ס צייטען.

זעהר א גרויסען ווערטה האָט דאָס ווערק „שפינאָזא". דאָס איז ניט נאָר איינע פון די בעדייטענדסטע ווערק, וואס אויערבאַך האָט געשאַפען, זאָנדערן ס'איז אויך איינע פון די וויכטיגסטע ווערק אין דער וועלט ליטעראַטור איבער דעם לעבען פון דעם בעריהמטען אונשטערבליכען פילאָזאָף. אויער־באַך האָט בענוצט ביים שאַפען זיין ווערק א מאַסע געשיכט־ליכען מאַטעריאַל, וואָס איז גענומען געוואָרען ניט נאָר פון קריסטליכע נאָר אויך פון יודישע קוועלען. אנדערע שריפט־שטעלער, וועלכע האָבען געשריבען איבער שפינאָזא'ן האָבען זיך פון דעם מאַטעריאַל ניט געקענט בענוצען. דאָס ווערק איז אויך דער בעסטער בעווייז וואס פאר א טיעפע אַכטונג און שעצונג אויערבאַך האָט געהאַט צו דעם גרויסען פילאָ־זאָף; דאָס האָט זיך אָבער נאָך מעהר אַרויסגעצייגט אין „איין דענקער לעבען", וואָס ער האָט געשאַפען אויף דער עלטער; ס'איז ערשיענען אין 1880. אין דעם ווערק דריקט ער אוים די גרעסטע פערהערליכונג צו שפינאָזא'ן און ער ערהויבט איהם אַלס א אידעאַל פון פאָלקאָמענהייט. אויערבאַך האָט אויך איבערזעצט שפינאָזא'ס פילאָזאָפישע ווערק פון לאַטייניש אין דייטש.

אין דער גרויסער וועלט איז אויערבאַך בעריהמט גע־

ווארען נִיט דורך זיינע פילאָזאָפישע און יודישע שריפטען, זאָנדערן דורך זיינע דאָרפס געשיכטען. ער איז געוועזען איינער פון די שאַפער פון דער דייטשער דאָרפס געשיכטען ליטעראַטור. מען האָט זיך ביז צו זיין צייט אין די דייטשע לענדער ווענִיג וואָס אינטערעסירט מיט דעם דאָרפישען לעבען. אַלע דיכטער און שריפטשטעלער האָבען זיך פערנומען נאָר מיט דעם לעבען פון די רייכערע און העכערע קלאַסען פון די שטעדט. אַז די נידערִיגע פאלקס מאַסען, וואָס לעבען אין די דערפער זיינען אויך לעבעדִיגע בעשעפּניסע, וועלכע האָבען פריידען און ליידען, געפיהלען פון ליעבע און האַס, דאָס האָבען די ליעבלינגע פון דער מוזע ניט געוואוסט, אָדער עס האָט זיי ניט אינטערעסירט צו וויסען. אויערבאַך איז געוועזען איינער פון די ערשטע, וועלכע האָבען גראַדע געשענקט זעהר פיעל אויפמערקזאמקייט צו דעם דאָרפישען לעבען, שילדערענדיג עס אין מייסטערהאַפטע ווערק. ער האָט דאָס געטהון אויף איין זייט דורך די ערינערונגען, וואָס ער האָט געהאַט פון דעם דאָרף, אין וועלכען ער האָט פערבראַכט זיינע קינדער יאָהרען, און אויף דער צווייטער זייט דורך דער מיעפער ליעבע, וואָס ער האָט געהאַט צו'ם פאָלק.

צוערשט איז ערשיענען אין 1843 „שוואַרץ־וועלדער דאָרפס געשיכטען", וואָס האָט תיכף געמאכט זיין נאָמען בעריהמט, ניט נאָר אין דייטשלאַנד נאָר אין דער גאַנצער וועלט. מיט דעם ווערק האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ נייע בלאַט אין דער געשיכטע פון דער דייטשער ליטעראַטור; ס'האָט

זיך אין עס געפיהלט דער שמעקעריגער דופט פון דער פרייער נאטור; ס'האט גערופען די מענשען צוריק צו דער נאטירליכקייט. דאס מערקווירדיגסטע אין דעם ווערק איז געווען, וואס דער פערפאסער האט בעשריבען, טראץ דעם וואס ער איז געוועזן א איד, זעהר ריכטיג די טיעפסטע רעליגיעזע געפיהלען פון די קריסטליכע פויערים. עס זיינען נאכהער ערשינען: „דארפס-געשיכטען" אין 1848; „די בארפוסע" אין 1856; „יאזעף אין שנעע" און „עדעל וויים" אין 1861; „וואלדפריעד" אין 1874; „נאך דרייסיג יאהר" אין 1876; „לאנדאלין פאן רייטערסהאפען" אין 1878; „דער פארסטמייסטער" אין 1879; און „בריגיטא" אין 1880. יעדעס ווערק האט ביינעטראגען, מעהר אדער וועניגער, צו דעם רוהם, וואס אויערבאך האט בעקומען. ער האט אויך געשאפען צוויי גרעסערע ראמאנען: „דאס לאנדהויז אם רהיין" אין 1868, און „איף דער הויכקייט" אין 1875—זיי ווערען גערעכענט צווישען די בעסטע ווערק אין דער דייטשער ליטעראטור.

פאר אויערבאך'ן איז דאס פאלק ניט בלויז געוועזן א מאטעריאל פאר זיין קינסטלערישער-ליטעראַרישער שאפונג; ער האט דאס פאלק געליעבט און ער האט געזוכט עס צו בריינגען נוצען. צו דעם צוועק האט ער ארויסגעגעבען איינע שריפטען: „דער געבילדעטער בירגער, א בוך פאר דעם דענקענדען מענשען פערשטאנד"; „דער געוואטערסמאן", א קאלענדאר, וואס איז ערשיענען אין די יאהרען 1845 ביז

1848 און וואָס איז געװען זעהר שטאַרק פערשפרייט; כמעט קיין קאַלענדאַר איז אין דייטשלאַנד פריהער ניט פער־שפרייט געוואָרען אין אַזאַ גרויסער צאָהל. פון 1858 ביז 1869 האָט ער אַרויסגעגעבען א „פאָלקס קאַלענדאַר", אין וועלכען עס האָבען מיטגעאַרבייט די בעריהמטסטע שריפט־שטעלער פון יענער צייט אין דייטשלאַנד. דיזע קאַלענדאַרען זיינען געוועזען זעהר נוצליכע ביכער פאַר דעם פאָלק.

אין 1848, ווען ס'האָט אויסגעבראָכען די רעוואָלוציע האָט אויערבאַך זיך אין איהר ניט געקענט בעטהייליגען, גראַדע אין יענעם יאָהר איז געשטאָרבען פון א קינד האָ־בען זיין ערשטע פרוי, מיט וועלכער ער האָט געהייראַטה מיט אַ יאָהר בעפאָר. איהר טויט האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף איהם, דאָס האָט איהם פערזונקען אין איינע־נע פערזענליכע ליידען און ער איז געבליבען בלויז אַ צו־שויער אין יענער גרויסער סאָציאַלער דראַמע. אַלס צושויער האָט ער אָבער אַ גרויסען אינטערעס גענומען אין וואָס איז פאָרגעקומען אין אָקטאָבער 1848 אין דער עסטרייכי־שער הויפטשטאָדט, וואו ער האָט זיך דעמאָלט געפונען. ער האָט דאַן איבערגעגעבען זיינע איינדריקע אין דעם ווערק „טאַגעבוך פון וויען", וואָס ער האָט פערעפענטליכט אין 1849.

צווישען אויערבאַך'ס ווערק געפינט זיך אויך איינס מיט דעם נאָמען „דייטשע אַבענדע"; דאָס איז אַ זאַמלונג פון פאָרלעזונגען, וואָס ער האָט געהאַלטען איבער פערשידענע פילאָזאָפישע פראַגען; די פאָרלעזונגען זיינען פערפאַסט אין

דער פֿאָרמע פֿון ערצעהלונגען; זיי לעזען זיך מיט גרויס אינטערעס, ווי סאַי וועלכע אַנדערע פֿון זיינע געשיכטען; דער ספּיר המעשה איז אָבער אין זיי אַ נעבענזײַטיגע זאַך, דער עיקר איז דער פֿילאָזאָפֿישער אינהאַלט, די טיעפֿזיניגע געדאַנקען, וואָס ער ענטוויקעלט. איינע פֿון די פֿאָרלעזונגען איז אויך „וואָס איז גליק?“. דורך די געשפּרעכען, וואָס געהן אָן צווישען די פֿערשיעדענע פּערזאָנען, מיט וועלכע אויערבאַך בעקענט אונז, ערפֿאַהרען מיר אַלע מיינונגען און אַנזיכטען, וועלכע עקזיסטירען איבער דער פֿראַגע, וואָס בעוועגט די מחות פֿון אַלע מענשען, פֿון אַלע צייטען און פֿון אַלע לענדער. דורך דעם שיקזאַל פֿון זיינע הויפּט העלדען לאָזט אונז אויערבאַך פֿערשטעהן, וואָס ס'איז זיין מיינונג וועגען דער פֿראַגע. „וואָס איז גליק?“ איז איינע פֿון די בעסטע אָבהאַנדלונגען איבער גליק; זי האָט אַ זעהר גרויסען ליטעראַרישען און פֿילאָזאָפֿישען ווערטה.

אַנדערע ווערק פֿון אויערבאַך'ן זיינען: „שריפֿט און פֿאָלק“ אַן'אָבהאַנדלונג איבער ליטעראַטור, אין וועלכען דער פֿערפֿאַסער ערקלעהרט זיין ליטעראַרישע מעטהאָדע; „צו'ר גוטע שטונדען“; „טויזענד געדאַנקען פֿון אַ מיטאַרבייטער“; „דראַמאַטישע איינדרוקע“ — דאָס ווערק איז אַ זאַמלונג פֿון שריפֿטען וועגען דער בינע, וועלכע מען האָט געפֿונען צווישען זיינע פּאַפּירען נאָך זיין טויט; „זיינע בריעף צו זיין פֿעטער יעקב אויערבאַך“ — אין די בריעף בעקענט מען זיך מיט דעם אינערליכען לעבען פֿון דעם בעריהמטען שריפֿט-

שטעלער. אויערבאַך האָט אויך אָנגעשריבען און פֿערעפֿענט־ליכט צוויי דראַמאס אין 1860: „אנדרעאַס האָפֿער“ און „דער וואהרשפרוך“; ער איז אָבער אויף דעם דראַ־מאַטישען געביעט געוועזען ווענינער פּאָפּולער.

אויערבאַך איז געוועזען אַ הייסער דייטשער פּאַטריאָט: איהם האָט זעהר פֿיעל אינטערעסירט דאָס לעבען פֿון די דייטשע פֿעלקער און ער האָט געאַרבייט פֿאַר דער פֿעראיי־ניגונג פֿון די דייטשע לענדער, אין די יודען האָט ער אין אַ צייט כמעט ווי פֿערגעסען, כאָטש ביי זיך אין האַרצען איז ער שטענדיג געוועזען אַ יוד. דער אַנטיסעמיטיזם וואָס האָט זיך נאַכהער פֿערשפּרייט אין דייטשלאַנד האָט איהם אָבער דערמאָהנט אין די פֿליכטען, וואָס ער האָט געהאַט צו זיינע ברידער און ער האָט זיי פֿערטהיידיגט געגען זייע־רע געגנער. ווען טהעאָדער בילראָטה האָט אַרויסגעלאָזט זיין אַנטיסעמיטישע שריפֿט „וואָרום שטודירען אונזערע יודען מעדיצין?“, האָט אויערבאַך איהם געענטפֿערט; און ווען ס'האָט זיך פֿערשפּרייט אין רוסלאַנד דער עלילת דם, האָט ער אַרויסגעלאָזען אַן אויפֿרוף, „צו אַלע מענער פֿון אמת און זיטליכקייט“, אין וועלכען ער האָט פֿערטהיידיגט זיין פֿאָלק. ער האָט אויך געשריבען אַ אָפֿענעם דאַנק בריעף צו דר. פֿאָן דעלינגער, דער פּרעזידענט פֿון דער אַקאַדעמיע פֿון וויסענשאַפֿטען אין מינכען, פֿאַר זיינע מוטהיגע רעדעס, וואָס ער האָט געהאַלטען צו גונסטען די יודען.

אין 1880 האָט אויערבאַך געהאַט דאָס פֿערגעניגען אַנ־

טהײל צו נעהמען בײ דאס אויפרעקען פון א מאנומענט נאך שפינאזא'ן אין האאג. יענער טאג איז פאר איהם געװען אײנער פון די גליקליכסטע טעג אין זײן לעבען. ער האט ניט געלעבט לאנג נאך דעם. די אנטיסעמיטישע בעװעגונג, װאס איז געװארען אלץ מעכטיגער אין דײטשלאנד, הויפטזעכליך אין בערלין, האט איהם פערשאפט גרוים ענמת נפש. מען האט איהם אלײן אויך אטאקירט; טראץ דעם װאס ער האט אזוי פיעל געשאפען פאר דער דײטשער ליטעראטור, טראץ דעם װאס ער האט געצײגט אזוי פיעל ליעבע און פאטריאטיזם צו דײטשלאנד און צו'ם דײטשען פאלק, האבען איהם די אנטיסעמיטען בעהאנדעלט װי א פרעמדען, און איהם בעשולדיגט, אז ער האט גאר קײן אינטערעס ניט אין דעם דײטשען לעבען. ער האט זיך דערפון גענומען שטארק צו'ם הארצען און איז קראנק געװארען. ער איז אװעק נאך קאנע אין פראנקרײך, מיט דער האפנונג, אז דער דארטיגער מילדער װעטער און דאס װאס ער װעט זײן װײט פון די אנטיסעמיטישע אטאקעס װעט איהם צוריק ברײנגען דאס געזונד, אבער די האפנונג איז געװען אומזיסט. בשעת מען האט זיך צוגערײט צו פײערן זײן 70-טען געבורטסטאג, דעם 8 פעברואר 1882, איז ער געשטארבען. מען האט איהם בעערדעט אין דעם טאג, װען ער האט געזאלט אלט װערען 70 יאהר.

צװישען די נעמען פון די גרויסע שריפטשטעלער, װאס די יודען האבען געגעבען דער װעלט, רײכער צו מאכען די

לִיטעראַטורען פֿון אַנדערע נאַציאָנען, וועט דער נאָמען פֿון בערטהאָלד אויערבאַך פֿערנעהמען אויף אײביג אַ וויכטיגען אָרט. צו איבערזעצען זײַנע ווערק אין יודיש, שײַנט מיר איז ניט קײן לוקסוס זאַך, נאָר אַ נויטווענדיגקײַט; זײַ זײַנען ערשטענס געשאַפֿען געוואָרען פֿון אַ יודען, און צווײַטענס פֿיהלט זיך אין זײַ דער יודישער גײַסט: די נײַגונג פֿון גריב-לען און פֿערטיעפֿען זיך אין דער נשמה און אין די לעבענס פּראָבלעמען. זײַ בעלאַנגען צו אונזערן אַ ליטעראַט—זײַ מוזען אויך בעלאַנגען צו אונזער ליטעראַטור.

מאָררִיס מייער.

וואס איז גליק?

עדמונד — אַזוי האָבען מיר גערופען ביי זיין ערשטען נאָמען אַ הויכגעוואַקסענעם יונגען אַדוואָקאַט, וועלכער האָט זיך ערשט צוריק געקעהרט פֿון דער אוניווערזיטעט—עדמונד האָט גראַדע געענדיגט לעזען דאָס ביכעל, וואָס מען קען ניט גענוג אָבלויבען, פֿון קלעמענס ברעטאַנא: „די געשיכטע פֿון דער שעהנער אַנערל און דעם העלדישען קאַספערל”. אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט אין דעם פּרויען־קרייז, מען האָט געהערט יעדע ברוסט טיעף אָטהעמען; יאַ, יעדען האָט זיך געדוכט דאָס ער פֿערנעהמט דאָס הארץ־קלאַפּען פֿון די אַנדערע, אָט אויף אַזוי פֿיעל האָט אַלע טיעף גע־ריהרט דער שיקזאַל פֿון אַ דינסט מיידעל און פֿון אַ זעלנער. די פֿרוי פֿון דעם האָפֿראַטה ראָמאַן איז געזעסען און האָט זיך געווישט ניט בעהאַלטענערהייט די טרערען, נעבען איהר זיינען געזעסען איהרע ביידע טעכטער מעטאַ און אַנ־טאָניע; אַנטאָניע האָט געהאַלטען איהרע הענד צונע־פרעסט צו איהרע ברוסטען, גלייך ווי זי האָט זיי געוואָלט אונטערשפּאַרען און בעשיצען נעגען דאָס שטאַרקע קלאַפּען פֿון איהר הערץ. אַ טרעהר איז געהאַנגען אין אַ ווינקעל פֿון איהרע אויגען און זי האָט אַריינגעקוקט אין איהר שויס;

מעטאַ האָט זיך אויך געווישט מיט דער לינקער האַנד די טרערען און מיט דער רעכטער האַנד האָט זי זיך געשפּיעלט מיט אַ טרעלדעלע פֿון'ם נאַרטעל פון איהר קלייד. נעבען מעטא'ן איז געזעסען די מאַיאָרקע פֿון שמידטהעלדען, זי האָט געשפּיעלט דעם האָלענדישען דאזמענשפּיעל און ווייל ס'איז איהר ניט אַם בעסטען געגאַנגען האָט זי איינגעביסען די אונטערשטע ליפּ מיט די צייהן; איהר טאָכטער ראזעטע, וועלכע איז געזעסען אונטער איהר, האָט צורעכט געמאַכט דעם קראַנען פֿון שפּיצען, וואָס איז גראַדע געווען אין אונאָרדנונג אַרום דער מוטער'ס האַלז.

די מענער זיינען דאָ און דאָרט געשטאַנען אָדער געזעסען.

עדמונד האָט בעמערקט מיט אַ שטילען פֿערגעניגען די קלאַנגען-לאָזע בעוועגונג אין די נשמות פֿון אַלע אַנוועזענדע; ער האָט געפֿיהלט דאָס קיינער וואַנט ניט צו צושטערען, דורך אַ וואָרט אָדער דורך אַנ'אויסרוף, די בעוועגונג אין די הערצער פֿון די אַנדערע. עס זיינען אָבער קוים פֿאָראיבער נאָר איינינע סעקונדען און עדמונד'ן האָט זיך שוין געדוכט, דאָס ער בעמערקט ווי די הויכגעטריבענע אויפֿרעגונג פֿאַנגט אָן צו ווערען אונערטרעגליך. נאָר וועניגע מענשען קענען ענטפלעקען פֿאַר אַנדערע, דורך בעגייסטערטע אויסדריקע אָדער דורך אַ טיעפֿען שטילשווייגען, זייער איינענטימליך אינערליך לעבען; פֿאַלשער שיין, אוננאַטירליכקייט, און איבערפֿלעכליכקייט האָבען אונז אָבגעריסען איינער פֿון

צווייטען; דער הייליגער גייסט פון ליעבע און מיטגעפיהל, וואס בעוואהנט יעדע ברוסט, פערבעהאלט זיך שרעקעדיג און מיסטעריעריש פאר די אויגען פון די פיעלע און עפענט זיך נאר אין דער איינענער נשמה אדער נאר פאר דעם יעניגען, וואס איז צו אונז זעהר נאהענט; אונזערע פיהלען און עמפפינדען דריקט זיך מעהר ניט אוים, ווי אין אלטערטהום אין כארען, אין וועלכע עס פערבינדען זיך און פערשמעלצען זיך אין איינעם פיעלע געוואלטיגע שטימען; מיר קענען נאר לאזען אויסקלינגען די טיעפסטע טענער פון אונזערע הערצער אין איינזאמע מאנאלאגען.

ציי דורך דעם, ווייל דעם האפראטה איז דאס שטילשווייגען געווארען אונערטרעגליך, אדער דערפאר וואס דער קיצעל פון דער איראניע איז איהם בעפאלען, צי נאר דערפאר, וואס ער האט ליעב געהאט זיך אין אלעם צו מישען— איז ער צוגעגאנגען צו עדמונד'ן מיט די ווערטער: „זאגט מיר איז די ערצעהלונג ניט בעארבייט נאך א אמת'ר קרימינאל געשיכטע?"

„ניין", האט עדמונד קורץ געענטפערט; ס'איז איהם פארגעקומען, אז דורך דער פלוצליכער פראגע, וואס איז געשטעלט געווארען כמעט ווי מיט א פאליציייסקען נוסח, איז אבגעווישט געווארען דער גאנצער צויבער, וועלכער האט פריהער געהערשט.

„די געשיכטע איז שרעקליך שעהן", האט בעמערקט אנטאניע.

„איך וואָלט זי אַלײן ניט געלעזען. זי שוידערט מיך‟, האָט מאַדאַם ראָטאַן זיך אָנגערופען.

אַלע האָבען צוריק בעקומען לשון.

„איך מוז ערקלעהרען‟, האָט געזאָגט די מאַיאָרקע אין גאַנץ שאַרפע טענער, „אַז דער גאַנצער קרײז, אין וועלכען די געשיכטע בעוועגט זיך, האָט מיך בעריהרט אויף אַנ׳אונאַנגענעהמענעם אופן. די נײַע דיכטער פיהרען אונז אין געזעלשאַפטען, וועלכע זײַנען קײן מאָל ניט אונזערע; זיי מעגען אפילו זײן ווי פּאָעטיש, איך וויל זיי אָבער דאָך ניט האָבען אַלס די מײַניגע. איך מוז ערקלעהרען, אַז איך האָב זיך געשעהמט, ווען דער משרת איז פריהער געוועזען דאָ אין צימער און געזעהן ווי מיר האָבען זיך צוגעהערט צו אַ פאַמיליען-געשיכטע; אַחוץ דעם וואָרט אין איהר געהערט פון אַזעלכע פערהעלטניסע, וואָס דאַרפען בלײַבען ווײַט און אונבעקאַנט צו געוויסע מענשען איבערהויפּט אין אַ געוויסער עלטער‟.

זי האָט דערבײַ נעגעבען אַ בליק פול זאָרג אויף איהר טאָכטער, וועלכע האָט זיך געשפּיעלט מיט דעם גאָלדענעם הערצעלע, וואָס איז געהאַנגען אויף איהר האַלז; זי האָט אויך נאַכהער צוגעוואָרפען אַ בליק פול מיט פאָרוואורף צו עדמונד׳ן.

„וואָס איז נוגע דעם קרײז, גנעדיגע פרוי‟, האָט געענטפערט עדמונד, „האָט איהר דאָך געוויס בעמערקט אַז צום סוף שפּיעלען געוויסע ראָלען אַ גראַף, אַ פירשט און אַ דאַמע פון דער הויכער געזעלשאַפט. אין יעדען פאַל, איך

האָב דעם דיכטער אין דיזער בעציהונג ניט חאָס צו פֿער־טהיידיגען: וואָס איז אָבער נוגע אײַער צחייטען פֿאָרוואורף איז ער גראַדע אַזוי איבערטריבען, ווי ס'איז אונמעגליך צו פֿערבאָרגען און צו פֿערבעהאַלטען פֿאַר דעם יעניגען, וועלכער האָט אָפֿענע אויגען, דאָס טרויעריגע און דאָס מיאוס'ע, וואָס איז פֿאַרהאַנען אין לעבען. אַ צאַרטע נשמה װעט אויך דורך דעם, וואָס וועט אַלעם וויסען, ניט פֿערלעצט חערען״.

„אָבער פֿון דעם עסטהעטישען שטאַנדפונקט בעטראַכט״..., האָט בעמערקט פראָפֿעסאָר האילער.

„אום גאָטעס ווילען, ווי קענט איהר אַזוי בעאורטהיילען אַזאַ ווערק״, האָט איהם אונטערבראָכען מאַדאַם ראָמאַן, „דאָס איז ניט קיין בוך, דאָס איז אַ טיעפֿע שילדערונג פֿון דעם לעבען״.

„יאַ, יאַ״, האָט זיך ווידער אָנגערופֿען דער פראָפֿעסאָר, ווי אונצופֿרידען, וואָס מען האָט אונטערבראָכען זיין פֿריהער אָנגעפֿאַנגענע רעדע: „גראַדע דערפֿאַר, און אויך צוליעב עסטהעטישע טעמים, ווייל דאָס שוידערליכע איז צו פֿיעל אָנגעהויפֿט, וואָלט איך געווינשען, אַז מען זאָל אַוועקלאָזען די גוט בעקאַנטע טהייל פֿון דער געשיכטע, וואו ס'איז בעשריבען די סצענע מיט דעם תליון'ס שווערט. דאַן וואָלט אַלעם גע־ווען פֿאָלקאָמען, אפֿילו פֿון דעם מאָראַלישען שטאַנדפונקט...״.

דער פראָפֿעסאָר האָט נאָך געוואָלט ווייטער רעדען, ער האָט אָבער געערדט אַזוי לאַנגזאַם און געצויגען, דאָס מען

האָט ניט געוואוסט צי ער האָט ניט בדעה זיך שוין אָבצו־שטעלען. מאַדאַם ראָמאַן האָט זיך דערפֿאַר אָנגערופֿען:

„די ערצעהלונג ערשיינט מיר, ווי אַ אויסגעפֿיהרט און פֿערברייטערט פֿאָלקסליעד; די מעלאַנכאָלישע מעלאָדיע פֿון לויטער גאַנצע און האַלבע טענער פֿיהלט זיך איבעראַל אין איהר".

„איהר האָט רעכט, איהר האָט מיך ריכטיג דערמאָהנט", האָט דער פּראָפֿעסאָר אויסגערופֿען פֿריילִיך איבערראַשט, „די גאַנצע ערצעהלונג איז אייגענטליך ניט עפּעס אַנדערש, ווי די אויספֿיהרונג פֿון אַ ווירקליכעם פֿאָלקסליעד".

„פֿון וועלכעם?" האָט מען מיט נייגעריגקייט געפֿרעגט.

„פֿון דאָס זעלבע, וואָס שילער האָט בענוצט אין זיין ברוי־זענדער שובארט פֿעריאָדע וועגען זיין געדיכט „די קינדער־מערדערין"; שילער האָט געברויכט דעם נאָמען פֿון דעם יונ־גען און ברעטאַנאָ דעם נאָמען פֿון דאָס מיידעל. דער לעצ־טער האָט אַלע מאָטיוועז ווערטליך אויסגעפֿיהרט:

אַך יאָזעף, ליעבער יאָזעף וואָס האָסטו געדענקט,
וואָס דו האָסט די שעהנע נאַנערל אין אונגליק געברייננט.

יאָזעף, ליעבער יאָזעף מיט מיר איז עס אוים,
מען וועט מיך באַלד פֿיהרען צו׳ם שאַנד טויער אַרוים.

צו׳ם שאַנד טויער אַרוים, אויף אַ גריגעם פּלאַץ,
דאָרט וועסטו באַלד זעהן, וואָס די ליעבע האָט געמאַכט.

ריכטער, ליעבער ריכטער, משפט נאָר געשווינד,
איך וויל גערן שטאַרבען, אום צו קומען צו מײַן קינד.

איהר פֿרײַנד און בעקאַנטע ווײַנט ניט אויף מײַן נויט
איידער לעבען לאַנג אין קערקער איז ליעבער דער טויט.

יאָזעף, ליעבער יאָזעף, גיב מיר דײַן האַנד,
גאָט וועט מיר מוחל זײַן, כ'האָב אַלעס בעקאַנט.

דער פֿאָהן-טרעגער קומט צו רײַטען און פֿלאַטערט זײַן פֿאָהן:
האַלט אײַן מיט דער שעהנער גאַנערל, איך ברײַנג גנאַדע אָן.

פֿאָהן טרעגער, ליעבער פֿאָהן טרעגער, זי איז דאָך שוין טויט;
גוטע נאַכט, מײַן שעהנע גאַנערל, דײַן נשמה איז בײַ גאָט.

„איהר האָט געגעבען דער ערצעהלונג די גרעסטע לויב", האָט עדמונד בעמערקט צו מאַדאַם ראָמאַן, „דערמיט, וואָס אָהנע צו קענען דאָס ליעד, האָט איהר עס גערופֿען אַ פֿערברייטערט פֿאָלקסליעד. דאָס שפּרינגענדע איז געבראַכט צו'ם רוהיגען גאַנג; די פֿערוויקעלטע ערא־ייגניסע זײַנען גלײַכטעסיג ערפֿונדען און דורכגעפֿיהרט".

„מיך האָט איבערראַשט דער געפֿיהל, וואָס ציהט זיך דורך ברעטאַנא'ס ערצעהלונג", האָט דער מאַיאָר געזאָגט, „איך האָלט גאָר ניט געגלויבט, אַז די וועלט זאָל נאָך זײַן אַזוי

פּרום; די עהרע און דער העלדענמוטה ווערט אָבער דאָך צופּיעל אַרײַנגעשפּיעלט די גלחים אין די הענד".

ער האָט זיך פּערטיעפט אין אַ געשפּרעך מיט דעם פּראָפּעסאָר; די געזעלשאַפט האָט זיך אויפגעהויבען און האָט זיך גרופּירט אין פּערשיעדענע ווינקעלאַך. אנטאָניע האָט זיך געזעצט בײַ דעם קלאַוויר און האָט שטורמיש פּאַנטאַזירט. עדמונד איז צוגעגאַנגען צו מעטא'ן, וועלכע איז אויך געשטאַנען נעבען דעם קלאַוויר.

„ווי האָט עס אײַך געפעלען?", האָט ער זי געפרעגט.

„זעהר גוט, און איהר האָט זעהר צאַרט געלעזען; האָט איהר אָבער ניט בעמערקט ווי איך האָב צו אײַך פריהער געוווּנקען? איהר האָט בעדאַרפט דער מאַרקע העפליכער ענטפערן".

„אה, איהר זײַנט אַזאַ ליעבענקע און אַ גוטע; אָבער פאַר וואָס איז אַנטאָניע אַזוי שטיל און פערטראַכט?"

„דאָס ווײס איך ניט. אַנטאָניע, אויב דו ווילסט מיך אַקאָמפּאַנירען וועל איך זינגען אַ ליעד פון ברעטאַנאָ".

„אַ ליעד פון ברעטאַנאָ? וועלכעס?", האָבען געפרעגט מעהרערע שטימען פון דער געזעלשאַפט.

„איהר קענט עס אַלע", האָט מעטא געענטפערט, „נאָר איהר האָט וואַהרשײַנליך ניט געוואוסט ווער ס'איז דער פערפאַסער".

זי האָט געזונגען דאָס העררליכע ליעד: „נאָך סעווילא..."

„זידליכער פײַער און פרישקײַט ליגט אין דעם ליעד,

און איהר האָט עס געזונגען מיט אויסערגעוועהנליכער וואַ־ריטעט, פֿרייליין מעטא", האָט ערקלעהרט דער פּראָפֿעסאָר, נאָך דעם, וואָס זי האָט געענדיגט.

„דער גליקליכסטער מענש איז דאָך דער דיכטער", האָט געזאָגט עדמאנד; „דער שטאַאטסמאַן, דער העלד קענען בעאײַנפֿלוסען די מענשען פֿון זייער צײַט; דער ערשטער קען זיי מאַכען האַנדלען נאָך זײַן ווילען, דער צווייטער קען זיי מאַכען שטאַרבען נאָך זײַן ווילען; אָבער דער דיכטער אַליין קען בעאײַנפֿלוסען די מענשען פֿון זײַן צײַט און אויך די פֿיהלענדע נשמות פֿון אַלע צײַטען און פֿון אַלע טהיילען פֿון דער וועלט; ער קען זיי אַלע מאַכען פֿיהלען ווי ער און דענקען ווי ער. ער לעבט אין זיי, ער לעבט מויזענד־פֿאַכיג, אונענדליך; צו מויזענדער איז ער אַ פֿרײַנד, אַ ערלייזער צו זייערע נשמות, ער ערלייזט דעם טויב־שטומען שמערץ פֿון זײַן פֿערטעמפּונג; זײַן גאַנצעס פֿיהלען און האָפֿען, זײַן טרוימען און טרויערען, זײַן גאַנצעס וועזען לעבט אויף אין טויזענדער געשטאַלטען; דאָס לעבען פֿון אַלע צײַטען און נאַציאָנען ציהט זיך דורך זײַן ברוסט, און דאָס וואָס ס'שוועבט איבער צײַטען און נאַציאָנען הייסט ער פֿעסטשטעהן און לעבען; די פֿלעצער וועלכע ער בעטרעט ווערען הייליג; דאָס וואָס בעוועגט זײַן נשמה בלײַבט אייביג; זײַן גאַנצער איך ווערט שטענדיג געפֿיהלט פֿון דער אונענדליכער גאַנצער מענשהײַט".

„מיט דער שלום בעמערקונג מאַכט איהר אָבער דעם

דיכטער פֿאַר אַ דורכגעטריבענעם עגאָאיסט", האָט בעמערקט אַנטאָניע.

„אה נײַן, מײַן פֿרײַלין", האָט געענטפֿערט עדמאנד, „נאָר ווען עס זאָל אַפֿילו זײַן עגאָאיזם, דאַרף איך דאָס וואָרט ניט אָבשרעקען, דער עגאָאיזם האָט אין זיך גאָר קײַן שלעכטעס ניט, ער ווערט שלעכט נאָר דעמאָלט, ווען ער פֿערלעצט און שעדיגט דעם עגאָאיזם פֿון אַ צווייטען".

„די פּראַקטישע ענגלענדער טהײַלען ניט מיט איך די מײַנונג וועגען דאָס גליק פֿון די דיכטער", האָט זיך אָנגערופֿען די מאַיאָרקע, „איהר קענט דאָך אודאי זייער שפּריכוואָרט: I should like my enemy would write a book (מיר וואָלט געפֿעלען, אז מײַן שונא זאָל שרײַבען א ביך)?"

„איך האָב דאָס שפּריכוואָרט ביז איצט ניט געהערט, גנעדיגע פֿרוי, מען קען אָבער זאָגען: ווען דער ענגלענדער ווינשט זײַן שונא, דאָס ער זאָל שרײַבען אַ בוך, איז עס ניט דערפֿאַר, ווײַל דאָס איז אַן'אונגליק פֿאַר דעם פֿערפֿאַסער, זאָנדערן דערפֿאַר, ווײַל דורך דאָס קאָנצענטרירען די געדאַנקען און אַנשויאונגען ווערט אָבגעקיהלט און אָבגעשוואַכט די פֿערזעהנליכע לײַדענשאַפֿט".

„אַפֿילו די קלוגע ערקלעהרונג אײַערע איז אויך געגען איך", האָט געענטפֿערט די מאַיאָרקע, „דען אנשטאט צו פֿיהרען דעם קאַמפּף אין דעם לאַנד פֿון'ם שונא, וואָס איז אײגענטליך אַנגענעהמער, מוז ער געפֿיהרט ווערען אין דעם

האַרץ פֿון דעם אייגענעם געביעט אָדער אין דעם געביעט פֿון דעם אייגענעם האַרץ".

די מאַיאָרקע האָט געקוקט אַרום שמייכלענדיג. זי איז געוועזען צופֿרידען מיט דעם גליקליכען פֿערגלייך. עדמונד האָט ניט געענטפֿערט, ווייל מאַדאַם ראַזאַן האָט שנעל אָנגעפֿאַנגען:

„איהר רעדט אויך נאָר פֿון דעם דיכטער, ווען ער האָט זיך שוין אויף אַזוי פֿיעל ערהויבען, דורך זיינע פֿעהיגקייטען, דאָס ער בעטראַכט זיין געענדיגטעס ווערק און זיין ווירקונג און פֿערגלייכט זיך צו דער גאַנצער וועלט; בעטראַכט אָבער זיינע שרעקליכע ליידען; ווי געפּרעסט און פֿערלעצט, ווי טיעף געריהרט מוז זיין דאָס האַרץ פֿון אַ מענשען, ביז עס ערהויבט זיך דורך דער דיכטונג איבער זיך אַליין; זעהר וועניגע מענשען קענען ווערען זייערע אייגענע ערלייזער און נאָך פֿיעל וועניגערע — די ערלייזער פֿון אַנדערע".

„איך בין אין גאַנצען מיט אייך איינפֿערשטאַנען", האָט צוגעזעצט די מאַיאָרקע, „ס'וואָלט געוועזען זעהר אַ שלעכטער דיכטער, דער יעניגער, וועלכער זאָל ווי פֿיעלע הײַנטיגע יונגע לייט, נאָכטהון אַ געאיבטען שוישפּילער: אָנצונעהמען אַזעלכע פּאָזיציעס, וועלכע זאָלען געפֿעהלען דעם פּובליקום, און דענקען ביי דער העכסטער אויפֿרעגינג וועגען דער ווירקונג, וואָס ער וועט האָבען".

דער פּראָפֿעסאָר האָט שמייכלענדיג צוגעשאָקעלט מיט דעם קאָפּ צו ביידע פֿרויען, בשעת זיי האָבען גערעדט, ווי

גלייך זיי האָלטען געווען גימנאַזיסטקעס וועלכע האָבען גוט אויסגעלערנט אויסענווענדיג זייערע לעקציעס; עדמונד האָט געזוכט צו ענטפֿערן מיט אויסערגעוועהנליכער העפֿליכקייט, און נאָכדעם וואָס ער האָט אָבגעלאָזט דאָס קלאַסטישע קייטעל פֿון זיין זיינגעריל זיך צוריק צוזאַמענציהען, האָט ער אָנגעפֿאַנגען:

„איהר פֿיהרט מיך אין די טיעפֿסטע ווינקלאַך פֿון דער פּאָעטישער שאַפֿונג דערמיט וואָס איהר מאַכט מיך אויפֿמערקזאַם אויף די ליידען און אויף דער נויטה, וואָס זיינען די פֿאָרגעשיכטע פֿון דער ערלייזונג; אָבער דיכטונג איז ווי ליעבע, יאָ זיי זיינען איינע און די זעלבע זאַך; דער ליעבענדער מענש איז אַ דיכטער, און יעדער דיכטער ליעבט, ער מוז ליעבען; און ווער וואָלט אויפֿגעגעבען די ליעבע, אום ניט צו האָבען איהרע שמערצען און ליידען?"

די מאַיאָרקע האָט ווידער איינגעביסען איהר אונטערשטע ליפּ און האָט בעטראַכט מיט זאָרגליכע בליקען איהר קינד, אין וועלכערס אַנוועזענהייט מען האָט אַזוי אָפֿען גערעדט פֿון ליעבע; אַנטאָניע האָט געקוקט, ווי זייענדיג אין פֿערלעגענהייט, צו דער ערד; עדמונד האָט דאָס אַלעס ניט בעמערקט; זיינע אויגען האָבען ליכטיג געפֿונקעלט, ער האָט געפֿיהרט די לינקע האַנד איבער דעם שטערן און האָט שטורמדיג פֿאָרטגעזעצט:

„די ליעבע איז דאָס העכסטע גליק און די העכסטע טוגענד; די העכסטע קראַפֿט פֿון'ם גייסט און דאָך ליידעט

נאָר דער, וועלכער ליעבט; נעהמט צו ביי דעם מענשען די ליעבע, שפּילט אויס זיין הארץ פון אַלצדינג, וואָס געפינט זיך אין עס און ארום עס און דאָס לעבען וועט זיין פוסט און ליידיג, לויז פון ליידען אָבער אויך לויז פון פרייד. דער דיכטער לעבט אין ליעבע, וואָס ליטערט זיך אייביג. און ווער וואָלט ניט גערן ערטראָגען דעם פּיין און די טיעף־שניידענדע ליידען פון אַ צאַרט פיהלענדער נשמה, וויסענדיג, אַז דורך דעם ווערט זיין גייסט נעלייטערטער, עמפּפאַנגליכער, צאַרט־פיהלענדער, אָדער מיט אַנדערע ווערטער: ער ווערט גרעסער, פאָלקאָמענער, פאָעטישער? גראַדע ווי דער קוש פון דער ליעבע הויבט זיך צו די הימלען שטיל און פערבאָרגען פאַר די אויגען פון דער וועלט, אַלץ אַזוי הויבט זיך דער קוש פון דער מוזע; דער דיכטער פיהלט די עקזיסטענץ פון זיין אייגענעם און פון דעם אונענדליכען זשעני; ער פיהלט דעם אָטהעם פון דעם הייליגען גייסט; די אונענדליכקייט האָט איהם איינגעהילט אין די וואָלקענס פון דער מאָרגען־רויטקייט, ער איז אין דער אונענדליכקייט, אין דער אייביגקייט; ער איז ניט מעהר אַליין, די וועלט איז אין איהם, ער איז אין דער וועלט. שאַפונג און שאַפער; גאָט איז אין איהם; יאַ דער דיכטער איז אַ ערלייזער, ער נעהמט אין זיך אויף די שמערצען פון דער וועלט, ער ערלייזט זיי און שמעלצט זיי פונאַנדער".

„ריכטיג אַרייננעפאַלען אין זאַק",—האָט זיך דער פראָפעסאָר אָנגערופען—„איהר ניט אַלזאָ צו, אַז דער דיכטער

איז רײַך אין שמערצעֶן און מעֶן קעֶן דערפאַר ניט זאָגעֶן, אַז עֶר איז גליקליך. דאָך זעֶה איך זײַנט איהר אין געֶגעֶנזאַץ צו דער הײַנטיגעֶר מאָדעֶ-מײנונג; דעֶן הײַנט צו טאָג זוכעֶן אַלעֶ צו שילדעֶרן דעֶם טאַלאַנט פון אַ דיכטעֶר אַלס דעֶר גרעֶסטער אונגליק, וואָס קעֶן בּעֶפאַלעֶן אַ מעֶנשעֶן. נאָר סאַי ווי ס'זאָל ניט זײַן, צי דעֶר דיכטעֶר-טאַלאַנט איז אַ גליק אָדעֶר אַנ'אונגליק, אײן זאַך איז אָבעֶר זיכעֶר: די דיכטעֶר אַלײן זײַנען, ווי די ליטעֶראַטור-געֶשיכטעֶ האָט דאָס לײַדעֶר געֶנוג איבּעֶרגעֶצײַגט, אַמטײנסטעֶנס אונגליקליך, אַחוץ אײניגעֶ אויסנאַהמעֶס, ווי אנאקרעֶאן און געֶטהעֶ".

„ווער איז אנאקרעֶאן?" האָט געֶפרעֶגט מעֶטא מיט אַ גוט מוטהיגעֶן טאָן און מיט אַ גרויסעֶר נײַגעֶריגקײַט צו וויסעֶן. — ווען דעֶר פראָפעֶסאָר זאָל געֶווען וועלעֶן בּריינגען אַ בּײַשפיעֶל פון אַ גליקליכעֶן מענשעֶן, וואָלט עֶר זיך אַלײן בּעֶדאַרפט פאָרשטעֶלעֶן, ווײַל עֶר האָט מיט אַ אונבּעֶשרײַבּליכעֶר צופרידענהײַט געֶזאָגט צו מעֶטא'ן, אַז עֶר וועֶט איהר שיקעֶן די איבּערזעֶצונג, וואָס עֶר האָט געֶמאַכט פון דעֶם פרעֶהליכעֶן גריכישעֶן דיכטעֶר, און וועלכעֶ איז אויפגעֶנומעֶן געֶוואָרען פון דעֶר קריטיק מיט זעֶהר פיעֶל לויבּ.

ס'האָט זיך אויסגעֶדוכט אַז דעֶר שמועֶס האָט אָנגעֶנומעֶן נאָר אַנ'אַנדעֶרעֶ ווענדונג, נאָר מאַדאַם ראָמאַן האָט איהם צוריקגעֶפיהרט אויף דעֶם פריהעֶריגעֶן ענין זאָגעֶנדיג די ווערטעֶר:

„אויך דער ליעבענדער איז ניט גליקליך. דען ווי זאָגט געטהע?

„גליק אָהנע רוה
ליעבע ביזט דו״.

„איך וואָלט איבערהויפּט געוואָלט פרעגען: ווער איז גליקליך״, האָט זיך אָנגערופען דער האָפראַטה לאַכענדיג.

מאַדאַם ראָמאַן האָט איהם אַלס ענטפער אַריינגעשטופּט אַ צוקערקע אין מויל.

„אָדער אייגענטליך״, האָט צוגעזעצט דער פּראָפעסאָר, „וואָס הייסט גליקליך?״

„אדרבה גיט אַנ׳ערקלערונג פון גליק״, האָט געזאָגט עדמונד, וועלכער איז חי גלייך צו זיך געקומען פון אַ געוויסער מיהדיגקייט.

„גליק איז אייגענטליך אַ רעלאַטיוועך בעגריף״, האָט אָנגעפאַנגען ערקלערען דער פּראָפעסאָר, אָנשפּאַרענדיג זיך אין דעם וועגטעל פון זיין שטוהל, „איינער רופט גליק, וואָס פאַר איהם איז אַ גליק און וואָס פאַר אַנ׳אַנדערען איז אַנ־אונגליק; אָבער גענומען אין אַלגעמיין אבסטראקט...״

„דו הערסט״, האָט אַנטאָניע געזאָגט גאַנץ שטיל צו איהר שוועסטער מעטאַ, וועלכע איז געשטאַנען נעבען איהר, געבענדיג איהר דערביי אַ לייכטען ריהר, ניט אויפהויבענדיג די אויגען פון איהר שוים, אַזוי דאָס קיינער האָט ניט געקענט בעמערקען, אַז זיי רעדען, „האָב איך ניט רעכט וואָס איך רוף איהם מיסטער אבבטראקפּום?״

„...סוז איך דא", האט דער פראפעסאר פארטגעזעצט, „געברויכען אנ'ערקלעהרונג פון דעם גרויסען פילאזאף שפינאזא; ער זאגט: לוסט איז דער איבערגאנג פון א קלענערער צו א גרעסערער פאלקאמענהייט, אזוי איז אויך דאס גליק—דער איבערגאנג פון א וועניגער צופרידענשטעלענדען צושטאנד צו א ערווינשטערן, צוגעפאסטערן און מעהר צופרידענשטעלענדען".

„דאס איז א גליקליכער פאל", האט געזאגט עדמונד; „אבער דאס גליק גופא אלס א שטענדיגע פארטדויערענדע זאך איז גאר עפעס אנדערש".

„איהר האט אויך דאס ווינשען אריינגעמישט אין אייער ערקלעהרונג", האט בעמערקט אנטאניע, „ס'טרעפט אבער דאס מען בעטראכט פאר א גליק אזא ערייגניס, פון וועלכער מען האט גאר ניט געדענקט און מען האט עס דערפאר אויך ניט געקענט ווינשען".

„איך האב ניט געזאגט געווינשט זאנדערן ערווינשט", איז געוועזען דער ענטפער פון'ם פראפעסאר.

„ווינשען, יא אין ווינשען, אט אין דעם ליגט עס", האט געלאכט דער האפראטה, „שרעק און האפנונג זיינען (דאס רויטע אין דאס שווארצע) Rouge et noir אין דעם לעבענס-שפיעל: דער הויפט פערגעניגען ליגט ניט אין געווינען, זאנדערן אין דעם גליקליכען שפיעלען. נעמהע לאזט מיט זיין טאקט דעם פראקטישען ווערנער, און ווילהעלם מייסטער, זאגען: א גליקליכער מענש איז דער, וועלכער

איז אויף דעם וועג צו ווערען א רייכער מאן. — פרוי פארטונא (די געטין פון גליק) איז א דאמע, מיט וועלכער מען פיהלט זיך אם גליקליכסטען, ווען מען איז מיט איהר פערלאבט; מען איז דעמאלט דער גליקליכסטער, ווייל מען האט די שענסטע ערווארטונג צו ערהאלטען אלצדינג, וואס מען ווינשט; ניט אין דעם בעזיצען, זאנדערן אין דאס ערווערבען און עמפפאנגען, ליגט דאס גליק; ווי דער מאמענט פון ערווארטונג געהט נאר פאראיבער אזוי ווערט דער געווינשטער צושטאנד אלט און געוועהנליך. עס קומען אן נייע ווינשע און זיי פערלאנגען אנ'אנדערען צושטאנד. די אידעאלען קענען ניט און דארפען ניט פערווירקליכט ווערען, און אט אין דעם ליגט עס פאר וואס זיי זיינען אידעאלען און פאר וואס זיי האלטען אונז שטענדיג אין דער אנגענעהמסטער שפאנונג".

„הייסט עס", האט געזאגט עדמונד", זיינט איהר אויך איינער פון די ענדלאזע שטרעבער, וועלכע לעגען ארויף אויף דעם מענשען דעם טרויעריגען שיקזאל צו לויפען אייביג נאך אידעאלען, און האלטען דעם מויזען לאך, אין וועלכען די אידעאלען בעהאלטען זיך, פאר דאס העכסטע גליק? ניין, אויב עס איז דא א אידעאל, דאן מוז ער דערגרייכט ווערען, אדער ער איז קיין אידעאל ניט. די פרייד פון דער יאגד ליגט ניט בלויז אין דאס פרייע ארומלויפען אין וואלד און פעלד, זאנדערן אויך אין דאס געבראטענס, וואס מען וועט דערנאך האבען. ס'וואלט געוועזען א אוננוציגעס שטרעבען,

דענקען און פילאזאפירען, ווען מען זאל שטעלען אלס דעם העכסטען צוועק דאס שטרעבען, דענקען און פילאזאפירען גוּפא, און מען זאל ניט גלויבען אין קיין ענד צוועל; אין גענענטהייל, דאס געבראטענס און די רעזולטאטען פון דעם שטרעבען און דענקען שמעקען זעהר גוט. פיעלע מענשען טהיילען אפילו אבער מיינונג, הערר האפראטה, אז יענע אויפגערעגט־קייט פון דער נשמה, דורך דאס שטענדיגע שטרעבען, ווארטען און ציעלען, דאס אייביגע שטעהן אויף דער וואך מיט געשפאנטער נייגעריגקייט, איז דער שיקזאל אין די בעשטי־טונג פון דעם האנדלען און דענקען פון די מענשען; איך קען דאס אבער ניט צוגעבען, איך קום שטענדיג אהיים מיט א אנגעפילט זעקעל אי פון דער פילאזאפיע און אי פון דער יאגד".

די מאאקע האט שוין לאנג געקוקט ארום זיך מיט גרויסער אונצופרידענהייט; זי האט אויסגעפונען, אז ס'איז גאר ניט ארטיג און פאסיג פאר א בעסערער געזעלשאפט צו פערברייננגען אזא לאנגע צייט און שמועסען איבער איין געגענשטאנד. דער שטאלצער עדמונד האט צוואווארפען אין איהר איינען הויז די ציגעל פון דער אונטערהאלטונג. זי האט זיך דערפאר אנגערופען: „איבערמארגען פערא־שטאלט דער גראף מערבאלד א גרויסע יאגד פארטהי, ווערט איהר אויך זיין איינער פון די יעגער?"

עדמונד האט פערשטאנען וואס זי וויל, ער האט אבער ניט געוואלט זיך דערווייטערן פון דעם ענין און ער האט מיט א געוויסען מוטה געזאגט: גנעדיגע פרוי, מיר זיינען

איצט אין א שעהנעם וואלד אויף דער יאגד נאך א זעכצעהן יאהריגען הירש, וואס איז פאר אונז ערשיינען. הערט איהר ניט ווי אלע חינשע בלאזען זייערע טרומפעטען? רייט אויך מיט אונז, מיר ווילען דעריאגען דאס גליק. העררן פראפעסאר, איהר זיינט א פילאזאף, איהר קענט צילען אין גליק מיט אייערע פיילען".

דער שמועס איז ערשט רעכט ארויפגעפיהרט געווארען איבער דעם ענין.

„איך וואלט זעהר געוואונשען צו זיין דאס וואס איהר רופט מיך", האט געענטפערט דער פראפעסאר מיט א בעשיידענעם שמאלץ; „דען נאר דער פילאזאף איז גליקליך; נאר דער, וועלכער קען ארייננדרינגען אין דער ערקענטעניס פון אלע איינציגע ערשיינונגען פון דעם לעבען, זיי בעהערשען מיט זיין גייסט און איינארדנען אין זיין דענקען, קען גערופען ווערען א גליקליכער; ניט אין דעם געוועהנליכען זינן, אלס איינער, וואס האט זיך ערהויבען דורך צופעלע און ערשיינונגען, זאנדערן אין דעם העכסטען זינן, אלס איינער, וואס שטעהט דורך זיין ערווארבענער קענטעניס און אנשויאונג איבער די ערשיינונגען; דער צופרידענער, דער גלייכמוטהיגער, דער אריינדרינגער, מיט איין ווארט דער פילאזאף, ער איינער אליין, איז גליקליך".

„ווידער א מאנאפאל!", האט אונטערגעבראכען דער מאיאר דעם פראפעסאר, וועלכער האט גערעדט לאנגזאם און בעדענקענד, „אלע שטרעבען דאך דערצו זיך צו פערשאפען

אַ פּריווילעגיום, ווילען אַפשר די פילאָזאָפען ווערען די מאַיאָרען פון דעם גליק?"

„אַלע מענשען זיינען פילאָזאָפען, נאָר וועלכע מעהר און וועלכע ווענינער", האָט דער פּראָפעסאָר געענטפערט אונגעוועהנליך שנעל.

„איהר נעהמט אָבער אָן גליק און צופרידענהייט, אָדער פון מיינעטוועגען גלייכמעסיגקייט פאַר איינער און דער זעלבער זאַך; צופרידענהייט איז אָבער טאַקי נאָר צופרידענהייט און ניט קיין גליק".

„אָט דאָס מיין איך אויך", האָט געזאָגט אַנטאָניע און עדמונד האָט זי אָנגעקוקט שטראַהלענדיג פון פרייד. „ווער ס'לעבט אַזוי גלייכמעסיג און נעהמט אַלע ערשיינונגען אין דער שוהלע זיי צו שטודירען קען ניט אָנגערופען ווערען אַ גליקליכער; נאָר דער, וועלכער לאָזט זיך פון זיי פערטראָגען צו די העכסטע וועלטען, אין דער ריינער לופט, וואו ער פיהלט פּלוצלינג, אַז זיין גאַנצע נשמה אָטהעמט פריי אויף, נאָר דער איז גליקליך".

„אָבער אויך זעהר אָפט אונגליקליך".

„יאַ, אָבער איז עס ניט, אַז נאָר דער וועלכער קען ווערען אונגליקליך קען אויך ווערען גליקליך?"

„ס'איז דערביי ניטאָ קיין אַלגעמיינעם רעגעל", האָט געזאָגט דער האָפראַטה, „יעדער וועלכען מיר רופען גליקליך, אָדער מיר בעאורטהיילען איהם אין דער בעציהונג, מוז בעטראַכט ווערען נאָר פון זיין שטאַנדפּונקט; די געפעהרליכ-

סטע געוואָהנהײט פון די מענשען איז, וואָס מען פערגעסט דעם איך פון יעדען מענשען".

„פון דעסטוועגען", האָט געענטפערט דער פּראָפעסאָר, „קען מען דאָך אויפשטעלען אַן'אַלגעמיינעם בעגריף פון גליק, וועלכער זאָל אין זיך אומפאַסען אַלע איינציגע פעלע. אַזוי ווי אין אַ געשליפען גלאָז ווערען די פונאַנדערגעטהיילטע זיבען קאָנטינע פאַרבען ווידער צוזאַמענגעקליבען אין אַ מיטעל-פונקט פון ליכט, דאָס גלאָז אַליין איז פאַרבלאָז דאָך שיינבאַר ענטהאַלט עס אין זיך די קולירטע פאַרבענוועלט, אַלץ אַזוי איז עס אויך אין דער אַבסטראַקציאָן פון די בעגריפע..."

„און וואו ס'פעהלען בעגריפע, דאָרט

„שטעלט זיך אין רעכטער צייט אַ וואָרט"...

האָט דער האָפראַטה דעקלאַמירט. „איך לאָז מיך ניט אַריין אין בעגריפע און שעהנע ווערטער. איך פרעג איינפאַך: איז פאַרהאַן גאַנץ גליקליכע און גאַנץ אונגליקליכע מענשען? מיין מיינונג איז, אַז קיינער אין דער וועלט איז ניט אין גאַנצען אונגליקליך; דען ווען אימיצער זאָל זיין שטענדיג אונגליקליך, וואָלט ער געחיים געמוזט זיין בעוואוסט אויף דעם ווידער-שפרוך צווישען זיין נאַטור און זיין שיקזאַל; מיט דער צייט מוז זיין בעוואוסטזיין ענדערן זיין נאַטור און דער שיקזאַל וועט ענדליך זיעגען דורך זיין לאַנגער הערשאַפט. געוואָהנהייט איז אַ צווייטע נאַטור, זאָגט אַ שפריכוואָרט — דער ווידער-שפרוך, דער אונגליק מוז דאַן אויפהערען. מאַנכע מאָל וועט דער אַלטער אדם ליאַרמען, ער וועט ניט וועלען אונטערגעהן,

אָבער נאָר אויף אַ קורצער צייט, דען די יונגע פרישע נאַטור ווערט איהם אין גיכען אָבווישען אין גאַנצען; נאָר שהאַכקעפּינגע, וועלכע בעזיצען אַ קאָקעטירענדע סענטימענטאַליטעט, ווילען אויפהאַלטען אין זייער גייסט די פריהערינגע נאַטור, אום צו קענען מאַכען אַ זויערע מינע און אויף זיך אַליין רחמנות האָבען, קוקענדיג אין אַ פאַלשען שפּיגעל״.

„ערלויבט מיר״, האָט געזאָגט עדמונד, און זיין פּויסט האָט זיך צוזאַמענגענומען אונבעמערקט, „געוואָהנהייט איז די צווייטע נאַטור! גאַנץ ריכטיג; אָבער דאָס שטענדיגע וועקסלען פון דער נאַטור איז גראַדע דער העכסטער אונגליק; פערוואַנדעלט דורך דער געוואָהנהייט אַ אָדלער, וועלכער שיעבט אין דעם בלויען הימעל צו אַ זשאַבע, וואָס קוואַקעט אין דער בלאָטע, און דאַן ווערט געוויס ניט די זשאַבע זיין אונגליקליך, — זי געפינט זיך אין איהר איינענטימליכער וועלט; אָבער די ערמאָרדעטע נאַטור פון דעם אָדלער, אָט דאָס איז דער העכסטער אונגליק; אַ מאַן, אַ מיידעל״, האָט עדמונד ניט אַכטענדיג צו קיין זאַך אָפּענהערציג צוגעזעצט, „וועלכע זיינען בעגאַבט געוואָרען פון נאַטור און פון דער נאַטור מיט געפיהלען און איינענשאַפטען פון אַ שענעם פרייעם לעבען, נאָר וועלכע האָבען געמוזט אין אַ נידעריגער סביבה ענדערן זייער נאַטור, פערניכטען די נעפיהלען און איינענשאַפטען און ווערען שקלאַפען פון דעם שיקזאַל, זיינען העכסט אונגליקליך; ס'איז ניט קאָקעטירענדע סענטימענטאַליטעט, ניין, זאָנדערן ס'איז דער העכסטער

מוטה זיך צו זאָגען אָהן פחד און אָהן מורא: דו ביזט אונגליקליך; דאָס, צו וואָס גאָט און די נאַטור האָבען דיך בעשטימט, איז ניט געוואָרען פון דיר. מיר שײַנט עס אַלס די לעכערליכסטע שוואַכקײַט, זאָגאַר אַלס אַ זינד, צו וועלען ערשײַנען גליקליך דעמאָלט ווען מען איז עס ניט. וואָלטען די מענשען געהאַט מוטה אויפצודעקען פאַר ווײַערע אײַגענע אויגען די אָפענע מכות, דאַן וואָלט עס אַנדערש געוואָרען אין דער וועלט".

מאַדאַם ראָמאַן איז אין דער גאַנצער צײַט פון דער רעדע געזעסען אין אַ שמערצליכער אונרוהיגקײַט, וואָס איז געווען לײַכט צו בעמערקען; זי האָט געקענט פערטראָגען אײַניגע אויסערגעוועהנליכקײַטען, אָבער זי האָט קײַן מאָל ניט פערלאָרען פון די אויגען די ערציהונג פון איהרע קינ־דער. ערמונד'ס ערקלעהרונגען זײַנען איהר ערשיענען אַלס אַנ'אויפהעצונג נעגען יעדער אויטאָריטעט פון עלטערע מענ־שען און זאָגאַר נעגען יעדער אַנשטענדיגקײַט; אין איהרע תנועות האָט מען געקענט לעזען פערלעגענהײַט און צאָרן; די מאַיאָרקע האָט זי אָנגעקוקט מיט דער פרעהליכקײַט פון אײַנער, וואָס האָט גאָר ניט צו פערליהרען, זי האָט שוין אײַ־ניגע מאָל פראָטעסטירט פאַר וואָס מען לאָזט אַרײַן דעם שטורמישען יונג אין איהר פערטרויעטען קרײַז, נאָר זי האָט אַלץ קײַן ערפאָלג ניט געהאַט מיט איהר פראָטעסט. אין איהר פרעהליכקײַט האָט זי זאָגאַר פערגעסען, אַז איהר טאָכטער האָט אויך געהערט זײַנע ווערטער; זי האָט בלויז געקוקט צו

דעָם האָפּראַטה'ס פּרוי, וועלכע האָט שוין צוויי מאָל געעפּענט דאָס מויל, נאָר האָט ערשט צו'ם דריטען מאָל געפונען ווערטער צו רעדען:

„מיר אַליין קענען אָבער אַם וועניגסטען אונזער נאַטור, מיר ווייסען ניט וואָס איהר קומט און וואָס פאַר איהר איז גוט; דאָס ערקענען אַם בעסטען די יעניגע, וועלכע זיינען אונז נאָהענט, דורך זייער רייפער ערפאַהרונג און אַנשויאונג, דורך זייער נאַטור און דורך זייער ליעבע; זיי מוזען דער־פאַר בעשטימען אונזער שיקזאַל. געוויס איז זעהר זיס זיך אויסצוקלייבען אויס אַ ראָמאַן אַ ערהאַבענע נאַטור, צו חלומ'ן צו צופאַסען צו איהר אַנ'איינגעבילדעטעס לעבען, און דאַן צו קלאָגען און צו מורמלען איבער דער רויהער ווירק־ליכקייט. קיינער אין דער וועלט", האָט זי צוגעזעצט אין אַ ניטמוטהיגען טאָן, „קען ניט און דאַרף ניט זיך פערלאָזען פון דער יוגענד אָן אויף דער איינענער בעשטימונג; די גרעסטע צאָהל מענשען וואָלטען געוויזען העכסט אונגליקליך, ווען זיי וואָלטען דערגרייכט דאָס, וואָס זיי האָבען אָנגערו־פען גליק אין זייערע טרוימערישע יוגענד־יאָהרען".

„ס'איז אַ בעקאַנטע ערפאַהרונג", האָט דער האָפּראַטה בעשטעטיגט מיט אַ סאַרקאַסטישען שמייכעל די ווערטער פון זיין פרוי, „דאָס אַ לאַסט טרעגער קען טראָגען מעהר ווי אַ דאָפּעלטע משא, ווען אַנ'אַנדערער לעגט זי איהם אַרויף אויף דעם רוקען, ווי ווען ער דאַרף זי אַליין אַרויפלעגען; אַקוראַט אַזוי איז עס אויך מיט דעם שיקזאַל".

ס'איז ענטשטאַנען אַ פּויזע, אַלע האָבען געשוויגען, ערמונד'ס געזיכט האָט זיך געביטען אין אַלערליי קולירען, נאָר ער האָט ניט געזאָגט קיין וואָרט; דאָס שטילשווייגען האָט געגעבען מאַדאַם ראָמאַנס ווערטער מעהר שאַרפקייט, ווי זיי האָבען אייגענטליך געהאַט. דער מאַיאָר, וועלכער האָט וועניג אַנטהייל גענומען אין דעם שמועס, ווי דאָס פּלעגט שטענדיג טרעפען אין געזעלשאַפטליכע דעבאַטען, האָט דער ערשטער איבערגעריסען די שטילקייט, ער האָט געהאַט צו מאַכען אַ בעמערקונג אויף דער פריהעריגער רעדע פון דעם האָפּראַטה, און ער האָט זיך צו איהם אָנגערופען:

„גראַדע ווי איהר האָט מיט רעכט בעהויפטעט, אַז ס'איז ניט פאַרהאַנען קיין גאַנץ אונגליקליכער מענש, אַלץ אַזוי גלויב איך אויך, אַז ס'איז ניט פאַרהאַנען קיין גאָר גליקליכער מענש. אַ גאָר גליקליכער מענש וואָלט געווען ווי כינעזישע מאַהלערייע, סאַמע ליכט און קיין שאָטען, די געשטאַלטען זעהען אין איהר אויס, ווי וואַקסענע פיגורען; אַ ניט איני-טערבראָכען גליק וואָלט געווען ווי אַ אייביגער טאָג אָהן נאַכט”.

„און”, האָט געזאָגט דער פּראָפעסאָר, „מען ווייסט נור אַז ס'איז טאָג, ווייל מיר ווייסען, אַז ס'איז נאַכט און פער-קעהרט. אַ גאַנץ גליקליך לעבען לאָזט זיך ערקלעהרען, ווי אַ קרייז, אויף וועלכען ארכימעדעס האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ גלייך-ליניגע פיגור פון אונענדליך פיעלע גלייכע טהייל-כעלאַך, אָדער ווי מען ערקלעהרט היינט צו טאָג, אַ פיגור, וועלכערס ליניעס זיינען איבעראַל גלייך ווייט פון דעם מי-

טעלפונקט; אַלס קרייז האָלט ער קיין מאָל ניט געקומען צו'ם בעוואוסטזיין, ווייל נאָר די עקיגע פיגורען קענען קומען צו דעם בעוואוסטזיין...״

אַלע האָבען זיך צולאַכט.

„איך בעט אייך, פערשטעהט מיך גוט״, האָט דער פראָפעסאָר פאָרטגעזעצט, „נאָר די עקיגע פיגורען קומען דורך זייערע עקען און ענדעס צו'ם בעוואוסטזיין; אין דער עקיגער צוזאַמענטרעפונג מיט אַנדערע געפינט מען די איינענע ענדע און דורך דעם געפינט מען זיך אַליין; ווי מען קען זיין פאָלקאָמען גליקליך און דאָך קענען היסען, אז מען איז עס, דאָס איז די מאָראַלישע פיערעקיגקייט פון דעם קרייז, וואָס קען קיין מאָל ניט געלייזט ווערען״.

דער פראָפעסאָר האָט בעמערקט, דורך דעם, וואָס די איבעריגע האָבען געצויגען מיט די אַקסלען און געשאָקעלט מיט די קעפּ, אז ער האָט זיך פערלאָרען אין דער „צוגיינער שפראַך״ פון דער שוהל־פילאָזאָפיע; ער האָט אָבער געפונען שנעל אַ גינסטיגען אויסוועג, ערקלערענדיג:

„איך געפין דערפאַר אייער בילד, הערר מאַיאָר, זעהר ענטשפרעכענד; נאָר דורך דער נאַכט געפינען מיר אוים, ווען ס'איז טאָג, און נאָר אוים דעם שאָטען הויבט זיך אויף דאָס ליכט; איינער איז אונגליקליך דערפאַר, ווייל ער האָט פערלאָרען זיין שאָטען, דעם רעפלעקס, די רעפלעקסיאָן, דאָס בעוואוסטזיין״.

די געזעלשאַפט האָט זיך געפרעהט מיט דער קאָמישער

ווענדונג, וואָס דער שמועס האָט אָנגענומען, און האָט אין גאַנצען פֿערגעסען, וואָס ס'איז פֿריהער געשעהן; ערמונד האָט נאָך דעם פֿאָרוואורף וואָס ער האָט בעקומען פֿערלאָרען זיין מוטה, ער האָט בעשלאָסען זיך מעהר ניט אַריינצומישען אין דעם שמועס, זיין פּולעס הערץ האָט איהם שטענדיג פֿערפֿיהרט צו וויט; דאַן איז איהם אָבער ערשיענען, אַז דאָס איז קינדיש; פֿאַר וואָס זאָל ער שווייגען? דאָס איז ניט געהאַנדעלט ווי אַ מאַן; צו שווייגען הייסט זיך ערקלעהרען בעזיעגט; ער האָט דערפֿאַר געפֿאַסט מוטה, און זיין געזיכט האָט אָנגענומען א פֿרעהליכע מיענע בשעת מאַדאַם ראָטאַן האָט געזאָגט:

„איך וואָלט געפֿרעגט: קענען די מייסטע מענשען ניט בעסער דולדען אונגליק, ווי געניעסען גליק?“

„געוויס“, האָט געענטפֿערט ערמונד, „און דאָס קומט הויפּטזעכליך פֿון דער געדולדזאַמער ריכטונג פֿון דער רעליגיאָן; דאָס איז ניט קיין פֿאָרוואורף זאָנדערן אַ קאָמפּלימענט פֿאַר דער רעליגיאָן. זי ווענדעט זיך אַממייסטענס צו די נויטבעדירפֿטיגע, צו דער ליידענדער מענשהייט; זי לעהרענט זיי ערטראָגען און אויסגלייכען צרות און אונגעווינשטע צושטענדע; דאָס מאַכען ניליטען די איינגעזליכע פּאָזיטיווע לעבענסקראַפֿט, דאָס זעלבסט בעוואוסטזיין און די אַכטונג פֿאַר זיך אַליין, פֿליעסען דאַן אַרויס פֿון דעם כאַראַקטער פֿון די זעלבסטשטענדיג געבילדעטע זעלבסטערקענטניס און וועלטערקענטניס; אָבער זעהר וועניגע מענשען האָבען אַ

פּאָזיטיווען כאַראַקטער. אין אונזערע פֿערקריפּעלטע צושטענדע ווערט געהינדערט די דערגרייכונג פֿון אַ שעהנעם און אַ פֿאָלשטענדיגען מענשליכען דאזיין; ווען מיר פֿערליהרען איין האַנד זיינען מיר פֿרייהליך און זאָגען גם זו לטובה, וואָס מען האָט אונז אויך ניט אָבגעשניטען די צווייטע; אונזער פֿרייד איז איצט צוזאַמענגעשטעלט פֿון איינצעלנע קאָנצעסיאָנען".

„אָבער, וואָס רופֿט איהר דען גליק?"

„גליק איז זיך צו פֿרעהען מיט זיין דאזיין, מיט זיין עקזיסטענץ; ס'ליגט אין דעם איינפֿאַכען זאַץ אַ העכערער זינן, ווי עס דוכט זיך צו'ם ערשטען; איך קען זיך פֿרעהען, ווי דאָס רעדען אַליין צייגט דאָס, נאָר פֿון עפּעס אָדער מיט עפּעס; איך מוז דאָס, פֿון וואָס און מיט וואָס איך פֿרעה זיך, שטעלען אַקעגען מיר, ס'דאַרף ניט בלויז שטעהן אַלס שטילע נאַטור־קראַפֿט אין מיר, זאָנדערן ס'מוז זיין אַ גע־גענשטאַנד פֿון מיין וויסען, ס'מוז ווערען בעוואוסטזיין. די חיה איז ניט גליקליך, ווייל זי עקזיסטירט נור, זי האָט ניט קיין בעוואוסטזיין פֿון איהר עקזיסטענץ, זי אַליין איז ניט קיין גענענשטאַנד פֿאַר איהר אייגענעם דענקען; די שטופֿע פֿון דעם מענשליכען גליק דאַרף געמאָסטען ווערען נאָך דעם גראַד פֿון דעם בעוואוסטזיין. די פֿרייד פֿון דער אייגענער עקזיסטענץ, די לוכט וואָס ווערט געשאַפֿען דורך דעם וואָס מען ווייסט, אַז מען עקזיסטירט, איז דער וואורצעל און די קרוין פֿון דעם גליק; אָט דערפֿאַר איז דער ליעבענדער און

דיכטענדער נײַסט דער גליקליכסטער, ווײַל ס׳שטעלט זיך נעגען איהם אַ נײַע לעבעדיגע עקזיסטענץ, וואָס געהט אַרום אום איהם און געהט אויף אין איהם מיט פרעהליכען בעאוסטזײַן. ליעבע איז די אינערליכע פרײַד פון דעם דאזײַן פון אַ צװײַטע פערזאָן, וואָס איז געוואָרען דאָס דאזײַן פון זיך אַלײַן; די פרײַד פון דעם דאזײַן...״

„איהר געהט פערבײַ נעבען דעם אמת״, האָט דער פראָפעסאָר איהם אונטערבראָכען; ער האָט בעמערקט ווי שלעכט ס׳איז אויפגענומען געוואָרען די רעדע פון עדמונד׳ן, וועלכער האָט אָפּענהערציג אַרויסגעזאָגט אַזעלכע מײַנונגען, וועלכע זײַנען, אין אַ כפעציעלער בעציהונג, געװען געריכטעט נאָר צו אַ געװיסער פערזאָן פון דער געזעלשאַפט; דער קלוגער פראָפעסאָר האָט איהם געוואָלט קומען צו הילף און ער האָט געזאָגט:

„איך האַלט ווי איהר פון דעם זאַך, אַז יעדער אײנער איז דער שמיעד פון זײַן גליק״.

„פון זײַן שיקזאַל, האָט איהר געוואָלט זאָגען״, האָט דער האָפּראַטה זיך אָנגערופען.

„שיקזאַל אָדער גליק״, האָט געענטפערט דער פראָפע־סאָר, „דאָס איז פאַר מיר אַלץ אײנס; יעדער אײנער איז דער שמיעד פון זײַן אײגען גליק, אָבער ער שאַפט ניט דאָס אײזען; דאָס ווערט איהם געגעבען פון גאָט און פון דער נאַטור; מיר דאַרפען נאָר וויסען ווי

עס צו בייגען און צו דרעהען. די אינערליכע
און אויסערליכע גאבען פון דער נאַטור ליגען אויף אונז
אַרויף אַ נויטוועגדיגקייט, מיר קענען זיך פון איהר ניט אָב־
זאָגען, מיר קענען זיך אָבער ערהויבען איבער איהר, דורך
בעוואוסטזיין און ערקענטניס, און איהר מאַכען פאַר אַנ'אַ־
גענױער בעשטימונג; ניט דורך דעם, וואָס מיר זאָגען זיך אָב
פון די געזעצע פון דער נאַטור זיינען מיר פריי, זאָנדערן
דורך דעם, וואָס מיר ערפילען די געזעצע; דען נאַטור
נויטוועגדיגקייט און אָרדנונג זיינען דער מקור פון פרייהייט.
אין דער ערקענטניס, מיט וועלכער מיר געפינען אוים אין
אונזערע איינצעלנע צופעלע און פאַסירונגען די נויטוועגדיגע
און אונענדערבאַרע געזעצע פון דער נאַטור, וועלכע מיר
פיהרען נאַכהער דורך, אָט אין דער ערקענטניס אַליין ליגט
דאָס גאַנצע גליק; דערפון נעהמט זיך וואָס מען פערשטעהט
אונטער דעם וואָרט גליק אַ זאַך, וואָס איז נאָר רעלאַטיוו,
בעצוגליך, ווייל עס קומט אונז אויף דעם געדאַנק פיליייכט
איז די זאַך ניט ענטשפרעכענד צו אונזער עמפּפאַנגענדער
נאַטור. די גרונדלאַגע פון דעם גליק ליגט אַלזאָ אין אונז,
אין דער ערקענטניס און בעשטימונג פון אונזער נאַטור;
ווער עס זוכט דאָס גליק בלויז אין דער אויסערליכער וועלט,
דער האָט קיין גליק ניט אפילו ווען ער געפינט עס. אָט
דערפאַר האָב איך געזאָגט, אַז יעדער מענש איז מעהר אָדער
וועניגער אַ פילאָזאָף און פאָלגליך איז ער מעהר אָדער וועַ־
ניגער גליקליך; דער אמת'ר פילאָזאָף, וועמענס אנשויאונג

איז ניט קיין רעלאַטיווע, זאָנדערן אַנ׳אַלגעמיינע, מוז קומען צו דער ערקענטניס, אַז אונזער אורטהייל איבער די פֿערהעלטניסע שטיצט זיך אַמסטיינסטענס אויף פֿאַלשע פֿאָראויסזעצונגען; יעדע זאַך טראָגט אין זיך דעם מאַסשטאַב פֿון זיין ערקענטניס און פֿון זיין דאזיין. מיר אורטהיילען אָבער איבער די זאַכען נאָך אַלגעמיינע בעגריפֿע און אַלגעמיינע מאַסשטאַבען, ווייל דאָס איז לייכטער. צו׳ם ביישפּיעל מיר רופֿען איינעם מיט אויפֿגעריסענע אויגען, אָדער איינעם, וואָס איז בלינד אויף אַנ׳אויג — אונגליקליך. וואָרום? ווייל לויט אונזער אַלגעמיינעם בעגריף וועגען דעם מין מענשען זאָגען מיר: יענער האָט צו פֿיעל און דער צו וועניג פֿון דער נאַטור נאַבע. אָבער דער אַלגעמיינער בעגריף וועגען דעם מין מענשען איז בלויז געמאַכט פֿון אונז אַליין, אום שנעלער און בעסער צו קענען אורטהיילען איבער אַ מענשען. יעדע זאַך פֿערלאַנגט אָבער, און זי מוז אויך, בעאורטהיילט ווערען נאָך איהר אַליין; דער מענש מיט די אויפֿגעריסענע אויגען און דער מענש מיט איין אויג זיינען פֿאָלקאָמענע בעשעפֿעניסע און ס׳איז אַ אונרעכט פֿון אונז זיי צו בעטראַכטען פֿאַר אונפֿאָלקאָמענע, אָדער פֿאַר אונגליקליך פֿון דער נאַטור. יעדע זאַך האָט נאָר אַזוי פֿיעל רעכט וויפֿיעל קראַפֿט זי האָט, צו וועלען די קראַפֿט איבערשטייגען איז ניט ריכטיג אָדער נאַריש..."

„דאָס איז אַ טרויעריגער שטאַנדפּונקט וואָס הרג׳ט אַוועק די פֿרייהייט", האָט געזאָגט עדמונד.

„אין קיין פֿאַל ניט‟, האָט דער פּראָפֿעסאָר געענטפֿערט, „אָבער הערט ווייטער: דער פֿילאָזאָף אַנערקענט, אַז דער גאַנצען גליק פֿליסט אַרויס נור פֿון דער עגאָאיסטישער וועלט אַנשויאונג, לויט וועלכער מיר בעטראַכטען אַלעס פֿון אַרום נאָר אַלס מיטלען פֿאַר זיך אַליין, און זיך אַליין — פֿאַר דעם צוועק פֿון דער אַרומיגער וועלט. אויב די פֿיעלע אַרומיגע זאַכען דינען אונז און זיי מאַכען אונז פֿאַר דעם צוועק, דאַן זאָגען מיר, אַז מיר זיינען גליקליך. אָבער אַלצדינג אין דער וועלט איז אַ צוועק פֿאַר זיך; פֿאַר דעם פֿילאָזאָף שטעהט די וועלט, מיט יעדעם פּיצעלע און ברעקעלע, וואָס איז בעשרענקט אויף רוים און צייט, אין איהר פֿולער בערעכטיגונג. ער דערקענט אין דעם מאָמענטאַלנעם און אין דאָס ענדליכע דאָס אייביגע און דאָס אַלגעמיינע, און אָט די ערקענטניס איז דאָס העכסטע גליק. איך דערמאָהן זיך ניט נעגוי אַ ווערטעל פֿון יאַקאָב בעהמע, וואָס לויטעט אונגעפֿעהר אַזוי:

בײַ וועמען צייט איז אייביגקייט
דער איז בעפֿרייט פֿון יעדער לייד.

„רעליגיאָן און פֿילאָזאָפֿיע קומען דורך פֿערשיעדענע וועגען צו דעם זעלבען ציעל. ביידע ווינשען אַ ערהויבונג אויס דער ענדליכקייט צו דער אונענדליכקייט; וואָלט בלויז די פֿרייד פֿון דעם דאַזיין געווען דאָס העכסטע גליק, דאַן וואָלט דער טויט, און זאָגאַר דאָס וויסען, אַז מען וועט אַמאָל אויפֿהערען צו עקזיסטירען געווען דאָס גרעסטע אונגליק;

אָבער דער וואָס זעהט אין זיין לעבען אַ חידערגעבורט, ווער עס בעטראַכט זיך, אַז אַמאָל איז ער געוועזען טויט און איצט לעבט ער, אָט דער איז גליקליך. ער דרינגט אַריין אין אַלע איינצעלהייטען פון דעם לעבען...״

„מאַכט איהר אַ נו אָבער ניט געבענשט אנשטאט גליקליך?״ האָט געפרעגט דער האָפּראַטה לאַכענדיג

„זאָל זיין אַזוי, נאָר לאָזט מיך, איך בעט אייך, ענדיגען, איך קום שוין צום שלום: דער, וואָס האָט זיך ערהויבען צום זעלבסט בעוואוסטזיין קען זיין גליקליך און יעדער לאַגע; דען דאָס גליק שטיצט זיך אויף דער פרייער און דאָך הארמאָנישער ענטוויקלונג פון אונזערע קרעפטען און דער איבעראיינשטימונג פון אונזער ענדליכער נאַטור; **גליק איז די בעוואוסטע האַרמאָניע פון אונזער אינערליכע און אויסערליכע אייגענשאַפטען און אויפגאַבען**״.

„די ערקלעהרונג שיינט צו זיין פאָלקאָמען און איך גלויב, אַז די זאַך איז דאָ ערליידיגט״, האָט זיך אָנגערופען דער האָפּראַטה.

עדמונד האָט צוגעשאָקעלט מיט דעם קאָפּ, אַז ער איז אויך דערמיט איינפערשטאַנען. די מאַיאָרקע האָט געמיינט, אַז זי איז שוין פטור געוואָרען פון דעם שמועס, וואָס האָט זי אַזוי געלאַנגווייליגט. זי האָט זיך אָבער אָבגענאַרט.

„הערר פראָפעסאָר״, האָט זיך אָנגערופען מאַדאַם ראָ-

מאַן, „וועמען האַלט איהר פֿאַר דעם גליקליכסטען מענש אין דער געשיכטע?“.

„דאָס איז אַ שווערע פֿראַגע, ס'איז כמעט אונמעגליך אויף איהר צו ענטפֿערן“.

„ווענט איהר מיר ערלויבען“, האָט געזאָגט עדמונד, „אַז איך זאָל אײַך דערמאָהנען די געשיכטע פֿון דעם מענשען, וועלכען איך האַלט פֿאַר דעם אונבעדינגט גליקליכסטען אין דער געשיכטע?“

א סעקונדע האָט קיינער ניט געענטפֿערט; דאָס וואָרט „אונבעדינגט“, וואָס עדמונד האָט געברויכט אין זײַן פֿראַזע איז פֿאַר אַלע געוועזן זעהר אונאַנגענעהמען; ליידער האָט זיך עדמונד נאָך ניט געקענט געוועהנען צו פֿערקליידען די טיעפֿסטע איבערצײַגונגען פֿון זײַן האַרץ אין דיפּלאָמאַטישע שלאַנג ווערטער און אין אַ אָרדנונגס מעסיגער בעשיידענהייט.

„אך, איך בעט אײַך דערצעהלט“, האָט געזאָגט מעטאַ. עדמונד האָט אָבער נאָר ניט געוואַרט דאָס מען זאָל איהם בעטען. נאָך איידער מעטאַ האָט געענדיגט איהרע ווערטער האָט ער שוין געהאַט אַרויסגענומען אַ ביכעלע פֿון זײַן טאַשעל, האָט עס געעפֿענט און האָט דערצעהלט לעזענדיג:

„ס'איז געוועזן אין דעם פֿרײַטאָג ערב פּאַסחא פֿון יאָהר 1483; די לופֿט איז געוועזן אָנגעפֿילט פֿון הייליגע קלאַנגען, וועלכע האָבען מיטגעריסען מיט זיך די פֿרומע געדאַנקען פֿון די מענשען, און זיך אויפֿגעהויבען צו די הימלען, וואָס וועבען זיך אין אײַביגער קלאָהרהייט איבער איטאַליען; צו

דעם מאַהלער גיאָוואַני איז געבאָרען געוואָרען א זוהן, וועלכען די נאַטור האָט געשטעמפּעלט צו איהר שעהנסטען מאַהלער און נביא. דעם העכסטען זשעני פֿון מאַהלעריי האָט די גאָטהייט איינפֿערטרויעט צו א מאַן, וועלכען זי האָט געמאַכט פֿאַר זיין פֿאָטער, אום איהם צו וועקען און צו ערקענען זיין גרויסקייט. אָהן א לאַנגען אָבהאַלט און צווייפֿעל, אָהן יענעם אינערליכען ווידערשפּרוך, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש ביי די מענשען, וועלכע זיינען מיט זיך אַליין ניט איינִיג, האָט ער פֿון זיין פֿריהעסטער יוגענד בעקומען זיין בעשטימונג. אין דעם וועט-קאַמפּף מיט די גרעסטע מייסטער פֿון זיין צייט איז ער געטריבען געוואָרען צו דער העכסטער ענטוויקלונג; געטראָגען פֿון גרויסע קינסטלערישע געפֿיהלען און געדאַנקען האָט ער בעלעבט די טויטע מויערען פֿון די קירכען און פּאַלאַצען, וועלכע האָבען זיך שטום ערהויבען פֿון דער ערד. אַלצדינג, וואָס דאָס קלאַסישע אַלטערטהום האָט געהאַט הויכעס און עהרליכעס, וואָס די רעליגיעזע טראַדיציאָן האָט געהאַט הייליגעס און געוואַלטיגעס, וואָס דאָס לעבען האָט געהאַט שעהנעס, קראַפֿטפֿאָלעס און גלענצענדעס, אַלצדינג, וואָס דער הימעל און די ערד בעזיצען אַלס דאָס שעהנסטע און דאָס העכסטע, איז איבערגעגעבען געוואָרען אין מערקווירדיגער פֿאָלקאָמענהייט דורך זיין האַנד. אַזוי האָט ער געלעבט; זייענדיג אַליין א געטליכע געשטאַלט, האָט ער ווידערגערופֿען צום לעבען אויף דער וועלט די אונשטערבליכע געשטאַלטען. אַלע רייצבאַר-

קײַטען פֿון דער שעהנקײַט האָט די נאַטור אײַנגעקערפּערט אין אַ מײַדעל, און זי האָט איהם געהײַכען, דאָס ער זאָל זי מיט ליעבע אומאַרעמען. ער האָט געהאַט רוהם, עהרע, ליעבע, די גליקליך־מאַכענדע קראַפֿט פֿון אַ זשעני; דאָס אַלעס האָט איהם ערהויבען ביז צו דער העכסטער מדרגה פֿון דעם מענשליכען דאזיין. דאַן האָט ער נאָכאַמאָל צוזאַמענגענומען אַלע זײַנע קרעפֿטען און איז אַרויפֿגעשטיגען צו דעם ערהאַבענסטען קוואַל פֿון ליכט; דאָס וואָס די מענשען האָבען ערפֿינדען אַלס דאָס העכסטע, דאָס רײַכסטע, דאָס געטליכע, און וואָס זיי האָבען אײַנגעקערפּערט אין זייערע אידעאַלען, האָט ער גערופֿען צו'ם לעבען—ער האָט געמאָהלען דאָס בילד פֿון דעם פֿער־טראַכטען ישו. ער האָט זיך ערהויבען הויך איבער די וואָל־קענס, און קוקענדיג דעם פֿערטראַכטען אויג אין אויג האָט זיך זײַן זשעני אויפֿגעלײַזט צוזאַמען מיט זײַן נשמה. ס'איז ווידער געוועזען אין דעם פֿרײַטאָג פֿאַר ערב פּאַסחא, אין דעם יאָהר 1520. הײליגע גערױשען האָבען זיך געוויגט אויף די קלאַנגען פֿון די גלאָקען, און די נשמה פֿון דעם מאַן, וועל־כער איז געוועזען אַזוי בעליעבט ביי גאָט האָט אַרויפֿגעשפּײַנט מיט זיי צוזאַמען צו דעם הימעל: פֿאַר דעם בילד פֿון דעם פֿערטראַכטען ישו איז געלעגען דער שעהנער טויטער קער־פּער פֿון דעם גליקליכסטען מענשען. איהר קענט איהם אַלע, ער הײסט..."

„ראַפֿאַעל", האָבען ציטערענדיג זיך אָנגערופֿען אײניגע שטימען, נאָר דער פּראָפֿעסאָר און דער האָנאָראַטה האָבען

זיך איינגערוימט עפּעס אין די אויערען און געלאכט מיט אַ ניט בעהאַלטענעם סאַרקאַזם.

„ווען איך קוק איבער די געשיכטע", האָט זיך אָנגערו־פען דער פּראָפעסאָר, „דאַן געפין איך אויס, אַז סאָקראַטעס איז געווען איינער פון די גליקליכסטע מענשען; אַלס פּאַ־טריאָט איז ער געווען גליקליך אין דער מלחמה; דורך זיינע ווערטער האָט ער פערזאַמעלט אַרום זיך פיעלע תלמידים; ער האָט געהאַט אַ אָפען אויג פאַר אַלצדינג וואָס איז שעהן..."

„און זיין ליעבענס ווירדיגע ווייב קסאַנטיפּע?", האָט דער מאַיאָר געפרעגט מיט אַ שמייכעל.

„אָט דאָ האָט איהר טאַקי אַ קאָנקרעטעס בײשפּיעל, ווי נאָר די איבערלייגונג פון אַ פילאָזאָף שאַפט דאָס אמת'ע גליק, סאָקראַטעס איז קיין מאָל ניט געווען אונגליקליך דורך זיין בייז ווייב".

„ניט געוועזן אונגליקליך הייסט אָבער נאָך ניט גליקליך", האָט עדמונד בעמערקט; „פּאָזיטיוועס גליק איז נאָר עפּעס אַנדערש, און פאַר וואָס וועהלט איהר ניט אויס דיאָגענעס'ן?".

„ווייל ער האָט אין דער וועלט ניט געהאַט קיין זאַך אַחוץ זיך אַליין".

„און דער שרעקליכער טויט פון סאָקראַטעס'ן?" האָט געפרעגט אַנטאָניע.

„אויב ס'איז אַ גליק", האָט געענטפערט דער פּראָפע־סאָר, „פאַר אַ הויכער אידעע צו לעבען, דאַן דאַרף עס אויך זיין אַ גליק פאַר איהר צו שטאַרבען".

„איך האַלט פֿראַנקלינ'ן פֿאַר איינעם פֿון די גליקליכסטע מענשען", האָט געזאָגט דער האָפֿראַטה.

„ער האָט אָבער געהאַט אַזאַ טרויעריגע יוגענד!"

„ווער ס'בעזיצט שטענדיג אַ געזונטען הומאר און איז פֿריש און פֿריי, דער קען גרייכען ווייט און האָבען אַ גרויסע ווירקונג. ער פֿערווירקליכט אַלצדינג, וואָס ער וויל און וואָס ער מאַכט פֿאַר זיין ציעל".

„דענקט איהר ניט, אז געטהע איז געווען איינער פֿון די גליקליכסטע מענשען?" האָט געזאָגט די מאַיאָרקע.

„און אויך זיין מוטער?", האָט בעמערקט פֿרוי ראָטמאַן.

נאָר איידער מען האָט צייט געהאַט צו ענטפֿערן אויף די אַלע פֿראַגען, איז די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דער געזעל־שאַפֿט צוגעצויגען געוואָרען פֿון אַנ'אַנדערער פּאַסירונג. אין אַ גרויסען שוואַרצען אויסגעבעטען שטוהל איז געזעסען אַנ'אַלטער מאַן, מיט אַ ברייט געזיכט, זיינע ווייסע לאָקען זיינען געווען בעדעקט מיט אַ שוואַרץ סאַמעטען היטעל; ער האָט די גאַנצע צייט קיין אַנטהייל ניט גענומען אין דעם געשפּרעך; ער האָט אַפֿילו דורך אַ זילבע ניט געגעבען אָנ־צוהערען, אַז ער איז אויך דאָרט; ס'האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די געזעלשאַפֿט איז שוין געוואָהנט דערצו, וויל קיינער האָט איהם ניט בעמערקט און ניט געשטערט. איצט האָט ער זיך פּלוצלינג אויפֿגעהויבען; ער האָט אָנגעפֿאַנגען געהן מיט שנעלע טריט דורך דעם צימער, דעקלאַמירענדיג אַנ'אוּנ־בעקאַנטע ליעד:

„דאָס איז געווען אַ גליקליכע צײַט!
ווער האָט זיך דעמאָלט ניט געפרעהט?
ווען פון דער שוהלע פרײַ געלאָזען
זײַנען מיר פרעהליך געשפרונגען אין די גאַסען,
צום שפּיעלען זיך שטענדיג בערײַט —
דאָס איז געווען אַ גליקליכע צײַט.

„דאָס איז געווען אַ גליקליכע צײַט!
ווער האָט זיך דעמאָלט ניט געפרעהט?
ווען מיר האָבען בײַ די יונגע מײַדלאַך
געריסען די פּעדים פון די העמטלאַך;
פאַר עלטערע זיך שוין געשעהמט —
דאָס איז געווען אַ גליקליכע צײַט.

„דאָס איז געווען אַ גליקליכע צײַט!
ווער האָט זיך דעמאָלט ניט געפרעהט?
ווען מיעד פון אַזוי פיעל זיך שפּיעלען
האָבען מיר געפּאָלגט אונז'רע געפיהלען:
די געליעבטעסטע זיך אויסגעוועהלט —
דאָס איז געווען אַ גליקליכע צײַט".

ערמונד האָט געגעבען אַ קוק אויף אַנטאָניע'ן, זי האָט צו דער זעלבער צײַט געגעבען אויף איהם אַ בליק, זייערע אויגען האָבען זיך בעגעגענט, נאָר זיי האָבען זיי גלײַך אַראָבגע־לאָזען פערשעהמט צו דער ערד. דער אַלטער האָט פאָרטגעזעצט:

„דאָס איז געווען אַ גליקליכע צייט!
ווער האָט זיך דעמאָלט ניט געפרעהט?
ווען ס'האָט געקלונגען אין די אויערען:
„פאָטער, אַ זוהן איז דיר געבוירען!
קוים, די מוטער האָט זיך שוין בעפרייט"—
דאָס איז געווען אַ גליקליכע צייט.

„אַוועק איז שוין די גליקליכע צייט,
און אַלעס וואָס אונז האָט דערפרעהט—
דאָך איז אונז פון שיקזאַל געגעבען
צו האָבען ערינערונגען אין לעבען,
און דורך זיי געניסען מיר היינט
פון דער געוועזענער גליקליכער צייט.

„און אַמאָל, ווען די גליקליכע צייט
אַפילו אין זכרון ניט בלייבט,
דאַן קומט דער טויט מיט רחמנות,
ס'איז מעהר ניט פאַרהאַן קיין סכנות,
ער לעשט אויס אונזער לעבען און לייד,
וויל אויבען איז די גליקליכע צייט".

דער אַלטער האָט געענדיגט, ער האָט זיך צוריק שטיל אַנידערגעזעצט אין זיין שטוהל און האָט פערדעקט זיינע אויגען מיט דער האַנד; אַזוי האָבען געמוזט זינגען די אַלטע משוררים, פריי און טיעף פון דער גאַנצער נשמה; ער האָט אָפט פערענדערט די מוזיקאַלישע טענער, זיין שטימע האָט

זיך אויסגעגאָסען ווען אין אַ קרעכץ פון שמערץ און ווען אין אַ יובל געשריי.

„דאָס איז אַ הערליך ליעד", האָט געזאָגט מאַדאַם ראַ-מאַן, „מען קען עס פערגלייכען צו אַ הימעל-לייטער, וואָס שטעהט אויף דער ערד, גרייכט מיט דעם שפּיץ אין טיעפ-סטען הימעל, און מלאכים געהן אויף איהר אַראָב און אַרויף".

„ס'איז אַזוי שעהן", האָט געזאָגט עדמונד, „עס ווערען אין דעם ליעד געשילדערט די העכסטע פּונקטען, די וויכטיג-סטע מאָמענטען פון דעם לעבען".

נאָר די מאַיאָרקע האָט ניט געקענט בעהאַלטען איהר אונצופרידענהייט; ס'איז איהר ערשיענען אונפּאַסיג זיך צו בעשעפטיגען מיט אַזעלכע מאָמענטען פון דעם לעבען.

די געזעלשאַפט איז זיך באלד נאָך דעם צוגאַנגען; דער אַלטער איז אויך אַוועק מיט די איבעריגע, נאָר כאָטש ער האָט געקענט געהן צוזאַמען מיט זיי אַ שטיק וועג, האָט ער זיך דאָך געזעגענט ביי'ם טויער, געזאָגט „אַ גוטע נאַכט" און איז זיך געגאַנגען איינזאַם, אַליין זיין וועג.

ווען די מאַיאָרקע מיט איהר מאַן און זייער טאָכטער זיינען געבליבען אַליין אין זייער צימער האָט זי אויסגעדריקט די גאַנצע אונצופרידענהייט, וואָס האָט געדריקט איהר נשמה אין דעם אָבענד.

„די איינגעבילדעטע האָפּראַטהקע", האָט זי געזאָגט, „מיט איהר גייסטרייכער פילאָזאָפיע ווערט טעגליך אונער-טרעגליכער; זי האָט ניט געלאָזט דעם גאַנצען אָבענד רע-

דען פֿון עפּעס אַנדערש ווי נאָר פֿון דער נאַרישקייט; איז נאָך געהערט געוואָרען אַזאַ חוצפה? דער יונגער אַדוואָקאַט איז אַן'איינגעבילדעטער מענש, אָהן וועלכער עס איז ערציהונג, איך האָב שוין פֿון לאַנג איהם ניט געוואָלט האָבען אין אונזער פֿריינדשאַפֿטליכען קרייז און איך וועל איהם געוויס מעהר ניט האָבען. ווי האָסטו זיך אונטערהאַלטען ראָזעטע?", האָט זי צו'ם סוף געפֿרעגט איהר טאָכטער.

„דאָס ליעד איז געוועזען זעהר שעהן", האָט זי געענטפֿערט.

„איך ווייס ניט", האָט געזאָגט דער מאַיאָר, „איך קען אויך ניט ליידען די נייע מאָדע יונגע לייט, ווי דער אַדוואָקאַט איז, זיי זוכען צו ברייִנגען אין דער עפֿענטליכקייט אַפֿילו די בעציהונגען און פֿערהעלטניסע פֿון זייערע געפֿיהלען; דער מאַן האָט גערעדט פֿון דעם מענשליכען הערץ און פֿון זיין טיעפֿסטען אינהאַלט, ווי גלייך ס'וואָלט געוועזען די רעדע פֿון אַ פֿלאַש; דאָס וואָס אַן'אַנדערער וואָלט קוים געוואַגט צו ערקלעהרען זיין געליבטער האָט ער אויסגעדריקט אַזוי פֿריי און אָפֿען אין דער אַנוועזענהייט פֿון אַזוי פֿיעל מענשען".

וואָלט עדמונד געוועזען אַנוועזענד ביי דעם פֿאָרוואורף וואָלט ער געוויס אַלס ענטפֿער געוועזען ענטפּלעקט די גרונדלאַגע פֿון זיין וועזען און פֿון זיין כאַראַקטער; ער איז אַרויסגעגאַנגען פֿון דעם שטאַנדפּונקט, אַז דורך דאָס אויסדריקען פֿריי און אָפֿען אונזערע אינערליכסטע אַנזיכטען וועגען די פֿערזעהנליכסטע בעציהונגען, ווערט אויפֿגעלייזט און אָבגעווישט די פֿערבאָרגענע קנאה פֿון איין מענשען צו אַ צוויי-

טען; ער פלעגט אָפּט פרעגען: לויבט מען ניט דעם לי=
רישען דיכטער, וועלכער ענטפלעקט פאַר דער גאַנצער וועלט
זײַנע אינערלויכסטע געפיהלען און גײַסטעס בעוועגונגען?
פאַר וואָס זאָל ניט זײַן יעדען ערלויבט אויסצודריקען אין
גרעסערע קרײַזען זײַנע אינערליכסטע פערזעהנליכע געפיה=
לען? די מענשען זײַנען פערפרעמדט געוואָרען איינער פון
צווייטען, מען מוז זיי צוריק צוזאַמענברייגנען; מיר מוזען
אונז געבען אַלס גאַנצע מענשען און דערפאַר אויך גאַנצע
מענשען בעקומען...

ערשט נאָך לאַנגע קעמפּפע און פיעלע ענטוישונ=
גען האָט עדמונד אויסגעלעהרענט זיך צו צופּאַסען צו דער
ערפאַהרונג, אַז די וועלט קימערט זיך ניט אין אונזער גאַנ=
צען איך, זאָנדערן נאָר אין אייגצעלנע טהײלכעלאַך זײַנע...

לאָמיר אויך בעגלייטען די אַוועקגעהענדע. דער פראָפּע=
סאָר האָט געפיהרט מאַדאַם ראָמאַן אין אָרעם און זיי זײַנען
געגאַנגען פאָראויס; זיי האָבען גערעדט איבער דעם שיק=
זאַל פון דעם אַלטען, וועלכער האָט געזונגען דאָס ליעד;
דער האָפּראַטה, וועלכער האָט געפיהרט זײַן טאָכטער מעטאַ,
איז געגאַנגען נעבען אַנטאָניען, וועלכע האָט געהאַלטען עד=
מונד'ס אָרעם. זיי זײַנען געגאַנגען שווייגענדיג, קיינער פון זיי
האָט ניט גערעדט קיין וואָרט; דער שנעע האָט געסקריפּעט
אונטער זייערע פיס, די שטערען האָבען געגלאַנצט פונקלענ=
דיג; עדמונד האָט צוגעדריקט אַנטאָניע'ס אָרעם פעסטער

צו זיין ברוסט, ער האט ענדליך געוואגט אנצונעהמען איהר האנד; אויף זיין ווארימען דרוק האט זי געענטפערט מיט א ציטער. ערמונד האט זיך געעריגערט וואס די לעדערנע האנדשוה האט איהם געהינדערט צו בעריהרען איהר האנד; ער האט לאנגזאם אנגעכאפט די שפיץ פינגער פון דער האנדשוה און האט זי געוואלט אראבשלעפען; אנטאניע האט זיך געוועהרט ציהענדיג שווער דעם אטהעם; ער האט אבער געצוינגען אלץ מעהר און מעהר ביז ס'איז איהם ענדליך געלונגען צו האבען אין זיין האנד איהר װארימע, קליינע האנד; ס'איז געלעגען א סימבאליש מיסטישע קראפט אין דער שטילער בעריהרונג, ניט נאר די הענד נאר אויך די הערצער זיינען ווי נעהנטער צוגעקומען איינע צו די צווייטע; דאס ציטערן פון אנטאניע'ס האנד האט זיך אלץ מעהר און מעהר פערלארען, ענדליך האט איהר ערמונד בעריהרט מיט די ליפען.

מען האט זיך דערנעהנטערט צו דעם הויז פון דעם האפראטה; „א זיסער שלאף דיר" האט ערמונד שטיל געשעפטשעט אנטאניע'ן אין די אויערן, „א זיסער שלאף דיר אויך" האט זי איהם געענטפערט מיט א קוים געהערטער שטימע.

„גוטע נאכט, מאדאם ראמאן, פריילין מעטא, פריילין אנטאניע, גוטע נאכט", האט זיך געהערט ערמונד'ס קול; אנטאניע איז געשטאנען אויף דער שוועל פון דער טיער, זי האט ערמונד'ן נאך אמאל אנגעקוקט, איהר פנים האט גע-

שטראַהלט אין דער טונקלער נאַכט, די טיער האָט זיך געעפּענט און פערשלאָסען.

דער פּראָפעסאָר האָט אַרויסגעצויגען זיין ציגאַרען-שפּיץ און איינגעשטעקט אַ ציגאַר, ער האָט אויך איינע דערלאַנגט עדמונדען, נאָר דער האָט זיך ענטזאַגט, געזעגענט זיך און פערנעהמען אין אַ זייטיגער גאַס. אונאויסלעשענדיגע פלאַמען האָבען געברענט אין עדמונד'ס אָדערן, ער איז נאָך לאַנג אַרומגעלאָפען אין די פון מענשען לעדיגע גאַסען, ער איז אַרומגעשפּרונגען ווי אַ יונגער הירש באַלד אַהער און באַלד אַהין, ענדליך איז ער אַריין אין זיין הויז און האָט זיך אַריינגעלעגט אין בעט ניט אָנצינדענדיג קיין ליכט; ער האָט ניט געוואָלט זעהן קיין שום זאַך פון דער וועלט, וואָס איז געווען אויסערהאַלב איהם, ער האָט פערטיעפט זיינע בליקען נאָר אין זיין אייגענער נשמה, און אויף דער פראַגע: ווער איז גליקליך?, האָט פון איהר זעליג אַרויסגעקלינגען: איך!

אין דער צייט איז אַנטאָניע געווען אין איהר צימער, זי האָט זיך געשטעלט פאַר אַ שפּיעגעל, אַ רויט פערפלאַמט פּנים פול פרייד האָט אויף איהר פון דאָרט אַרויסגעקוקט— ס'איז געווען איהר אייגען פּנים. זי איז דאַן אַוועקגעפאַלען איהר עלטערע שוועסטער אויף'ן האַלז און האָט אויסגעשריגען מיט אַ גרויסער אינערליכער פרעהליכקייט: „מעטא, איך בין אַזוי גליקליך, אונענדליך גליקליך”. מעהר האָט זי ניט געקענט זאָגען, זי האָט זיך צוּוויינט.

אָבער אַלץ אין דער זעלבער צייט איז געזעסען דער

האָפֿראַטה מיט זײַן פֿרוי אין זײַער צימער און זײַ האָבען נערעדט וועגען דער צוקינפֿט פֿון זײַערע קינדער. מאַראָם ראָמאַן האָט צו איהר מאַן נעזאָגט: „איך מוז שוין פֿערזאָרגען, אַז דער יונגער אַדוואָקאַט זאָל ניט קומען אין צו נאָהענטע פֿערהעלטניסע מיט אונזער אַנטאָניען"...

מען האָט ווײַטער נערעדט וועגען די שלעכטע פֿערהעלטניסע פֿון עדמונד'ן און וועגען די גלענצענדערע פֿערהעלטניסע פֿון אַנדערע חתנים, וועלכע האָבען זיך צו זײַער טאָכטער נע'שדכנ'ט...

ס'איז נעווען אויף דעם צווײַטען טאָג, דער פֿריהמאָרגען האָט שוין נעהאַלטען בײַם פֿערבײַגעהן, אום צו מאַכען פּלאַץ פֿאַר דער מיטאָג צײַט, עדמונד איז נעלעגען וואַך אין בעט; ער האָט נאָכגעדענקט וועגען דעם, דאָס ער זאָל די אַדוואָקאַטור אויפֿגעבען און זאָל ווערען אַ בעאַמטער בײַ'ם שטאַאט. „איך בין אַנטאָניע'ן שולדיג צו אָפּפֿערען מײַן פּרײַהײַט", האָט ער צו זיך אַלײַן נערעדט. „איז אָבער דאָס ניט אַ פֿערלעצונג צו מײַנע בעסטע און טיעפֿסטע איבערצײַגונגען?... נײַן! אַלעס וואָלט נאָך ערגער געוואָרען, ווען די בעסערע מענשען זאָלען זיך פֿון שטאַאט צוריקציהען... די אונגערעכטיגקײַט..."

ניט אָנקלאַפּענדיג פֿריהער אין טיר איז ערשינען אַ זשאַנדאַרם אין עדמונד'ס אונפֿערשלאָסען צימער און איז צוגעגאַנגען צו זײַן בעט.

„וואָס איז?"

„שטעהט אויף, איהר מוזט געהן מיט אונז", האָט דער זשאַנדאַרם געענטפערט צייגענדיג עדמונד'ן אַ בעפעהל, דאָס מען זאָל איהם אַרעסטירען. עדמונד האָט געגעבען אַ בליק צו דער טיער און דערזעהן, אַז נעבען איהר שטעהט אַ צווייטער זשאַנדאַרם. ער איז שנעל אויפגעשטאַנען און האָט זיך רוהיג אָנגעטהון. ווען ער איז פערטיג געוואָרען האָט ער פערלאַנגט אַ וואָגען.

„ער וואַרט שוין אונטען", האָט דער זשאַנדאַרם געענטפערט. עדמונד האָט אַרייַנגערופען די בעלי הבתים פון דעם הויז, זיי געלאָזט זעהן, דאָס מען אַרעסטירט איהם, און ער האָט זיי געבעטען, דאָס זיי זאָלען עס לאָזען וויסען זיין פריינד, דר. הערמאַן מילער; נאַכהער האָט ער זיך אַריינגעזעצט גאַנץ רוהיג צווישען די צוויי זשאַנדאַרמען אין דעם וואָגען, וועלכער האָט זיך אַוועקגעלאָזט אויף דעם וועג, וואָס האָט געפיהרט צו דעם געפענגניס. עדמונד איז געזעסען פערטיעפט אין זיך נעבען די זשאַנדאַרמען, וועלכע האָבען גערויכערט זייערע ליולקעס; ערשט ווען דער וואָגען האָט זיך אָבגעשטעלט פאַר דעם געפענגניס האָט ער ערוואַכט און טיעף אָבגעאָטהעמט. זיי זענען אַראָבגעגאַנגען פון'ם וואָגען, עדמונד איז אַריינגעפיהרט געוואָרען אין דעם צימער פון דעם אינספעקטאָר; דער האָט איהם אונטערזוכט, ביי איהם צוגענומען דאָס טאַשעל מיט דעם געלד און דאָס מעסעריל, וואָס ער האָט ביי זיך געהאַט; עדמונד האָט אויפגעציטערט,

ווען דער אינספעקטאָר האָט אַרויסגעשלעפּט פון זיין קעשענע אַ דאַמען האַנדשוה און האָט איהם כיטרע אָנגעקוקט; ער האָט שנעל אַרויסגעריכען די האַנדשוה פון דעם אינספעקטאָרס האַנד און געזאָגט:

„העדר אינספעקטאָר, דאָס געהט אייך ניט אָן".

„גוט, גוט, נאָר ניט אַזוי ווילד", האָט געלאַכט דער פּאָליציי בעאַמטער און זיך געדרעהט דערביי די לאַנגע וואָנציעס. עדמונד האָט פערלאַנגט אַ ריכטער. „ער וועט שוין קומען", האָט געזאָגט דער אינספעקטאָר, „איצט קומט מיט מיר". ער האָט אַריינגעפיהרט עדמונד'ן אין אַ צווייטען צימער זאָגענדיג: „האָט נאָר געדולד, אַלעס האָט אַן'ענדע", און מיט די ווערטער האָט ער פערשלאָסען די טיער הינטער זיך...

עדמונד איז געווען בעשולדיגט, דאָס ער איז אַ פערפאַסער און אַ מיטאַרויסגעבער פון אַ שריפט, וואָס איז ערשיענען אין שווייץ אונטער דעם נאָמען „דייטשע מיאוסע צושטענדע".

עדמונד האָט געענטפערט אויף אַלע פראַגען, וואָס דער אינספעקטאָר האָט איהם געשטעלט, דאָס ער וועט נאָר רעדען פאַר אַ ריכטער און איהם אַלעס ערקלעהרען; דאָס זעלבע האָט ער ערקלעהרט צו די ספעציעלע פּאָליציילי כע קאָמיסיאָנען, וואָס האָבען איהם געוואָלט אויספאָרשען. ער איז געבליבען פעסט ביי זיין בעשלוס און זיין אַרעסט האָט זיך פערצויגען אַלץ לענגער און לענגער. מאָנאַטען זיינען פערבייגעגאַנגען, עדמונד האָט זיך אין דער צייט איינגע-

לעבט אין דער וויסענשאפט און אין דער בעטראכטונג פון'ם שיקזאל פון דעם שטאאט און פון דער מענשהייט; פאר דעם קליינעם לאמפ, וואס איז געוועזן פערשלאסען אין א לאנטערנע האט זיך איהם ענטפלעקט אלץ מעהר און מעהר דאס ליכט פון דער אייביגער פרייהייט, וואס דרינגט דורך אלע צייטען ניט אויסלעשענדיג זיך; און אזוי פערטיפט אין דעם גייסט פון די צייטען און אין די אייביגע געזעצען האט ער גאר פערגעסען זיין אייגענעם שיקזאל און האט גערולדיג געווארט אויף דער ענדע. דער פריהלינג האט ארויסגעטריבען די ערשטע שפראצונגען אוים דער יונג געווארענער ערד, אויך אין ערמונד'ם ברוסט האט זיך אנגעפאנגען אנ'אונרוהיגעס בעוועגען, שטרעבען און טרייבען, די אבגעזונדערטקייט איז איהם געווארען אונערטרעגליך; טויזענדער געפיהלען פון בענקשאפט און זעהנזוכט האבען איהם געצויגען צו דעם זונניגען, פרייעם, פרישען לעבען. זעהר אפט האט ער געטראכט צו אנטאניע'ן און צו איהרע ליידען; דענקענדיג צו איהר האט ער געפיהלט א פערלייכטערונג, ער איז געוועזן טיעף ביי זיך אין הערץ בעוואוסט, אז איהר נשמה איז שטענדיג ביי איהם. ער האט זיך אין דער גאנצער צייט ניט געקענט ערקונדיגען וואס זי מאכט, דען אלע זיינע בריעף האט דער אונטערזוכונגס ריכטער איבערגעקוקט. איצט האט ער פלוצלינג אנגעפאנגען פיהלען דאס א גרויסער אונגליק שטעהט איהם פאר; אט די טרויעריגע פארשטעלונג האט איהם פערפאלגט אין זיין שטודיאום און זי האט בעשעפטיגט

זײַן גאַנצעם דענקען; מיט דער גאַנצער מאַכט און פרײַ־הײַט פון זײַן גײַסט האָט ער ניט געקענט פערטרײַבען די טונקלע פאָרשטעלונג...

טרויעריג האָט געקלונגען דער גלאָק אין דעם טהורם פון דער פעסטונגס קירכע; די אַרעסטירטע זײַנען געבראַכט גע־וואָרען צו דער קירכע, דער גײַסטליכער האָט געזאָגט אַ ספּעציעלע תפילה נאָך דער נשמה פון דעם פערשטאָרבע־נעם פירשט; עדמונד האָט געלאַכט אין זיך איבער דעם טרויעריגען געפיהל, וואָס איהם האָט פערפאָלגט, אָבער טראָץ דעם לאַכען איז דער טונקלער געדאַנק זײַנער ניט פער־שוואונדען געוואָרען, ווי ער האָט זיך עס געהאָלט אײַנרעדען.

מיט אײַניגע טעג שפּעטער איז געקומען דער אינס־פּעקטאָר און האָט עדמונד'ן געלאָזט וויסען, אַז לויט דער אַמנעסטיע, וואָס דער יונגער פירשט האָט געגעבען, איז ער פרײַ.

עדמונד האָט פערלאָזט שטיל און פערטיפט אין געדאַנ־קען דעם אָפענעם טויער פון דער פעסטונג; אין דרויסען האָט ער זיך אַנידער געוואָרפען אויף דער פרײַער ערד, זײַנע ליפּען האָבען ניט גערעדט קיין וואָרט, זײַן גאַנצע נשמה איז געווען אײַן הײַליגער געדאַנק. די אַנדערע בעפרײַעטע האָבען איהם גערופען, ער איז אָבער נאָך געבליבען ליגען אַ ווײַלע שטיל אויף דער ערד און האָט זיך צו זײַ ניט צו־געהערט, ער האָט ווי גלײַך געוואָלט אויסדריקען פאַר זײַנע־רע אַלעמענס אויגען זײַנע אינערליכסטע געפיהלען; ענד־ליך האָט ער זיך אויפגעהויבען און איז צוזאַמען מיט די

וועלכע האָבען זיך געפּריעהט און געלאַכט אַוועקגעגאַנגען צו דעם דאָרף, וואָס איז געווען ניט ווייט. עדמונד האָט זיך פאַרגענומען ווידער אָנצופאַנגען אַ שטילעס און ערענסטעס לעבען, דאָס איז איהם אָבער ניט בעשעהרט געווען. ס'זיינען איהם אַקעגען געקומען פיעלע פריינד פון דער שטאָדט און זיי האָבען איהם עמפפאַנגען מיט יובעל געשרייען, הוטען און טאַשען-טיכלאַך האָבען געוויי׳הט אין דער לופטען, די פרייד איז געווען זעהר גרויס. נאָך דעם, וואָס ער האָט זיך מיט זיי הערצליך אומאַרעמט זיינען זיי אַריינגעגאַנגען אין אַ שענק. אַלע אַנדערע בעפריינדטע און זייערע פריינד זענען מיט-געגאַנגען; דאָס איז געווען אַ זעלטענער מאָמענט: אַלע הערצער האָבען זיך געעפענט און זייער אַלעמענס לוסט און פרייד האָט זיך צוזאַמענגעשמאָלצען אין איין גרויסער שמחה

ביי דער ערשטער געלעגענהייט האָט עדמונד אַוועקגע-נומען זיין פריינד הערמאַן אין אַ זייט און איהם געפרעגט:

„ווי געהט עס אין דעם הויז פון דעם האָפראַטה ראָטמאַן?"

„מעטאַ איז די כלה פון פראָפעסאָר האַילער; דו ווייסט דאָך ווי עס געהט, גרויסע מענער זוכען שטענדיג צו האָבען גוטמוטהיגע פרויען, אום זיי זאָלען זיך קענען זעהן אין אַ פערגרעסערונגס שפּיגעל".

„און אַנטאָניע?"

„זי האָט געזאָלט ווערען די כלה פון דעם אלטן רע-גיערונגס-ראַטה מייסנער; זי איז אָבער, ווי איך האָב גע-הערט, געפעהרליך קראַנק געוואָרען".

עדמונד האט אנגעכאפט פעסט די האנד פון זיין פריינד און האט איהם ארויסגעשלעפט פון'ם צימער; זיי האבען געהייסען שנעל איינשפאנען פערד אין א וואגען און זיי זיינען אבגעפאהרען אין דער שטאדט אריין מיט אזא שנעליגקייט גלייך ווי זיי וואלטען געפלויגען, פאר עדמונד'ן זיינען אבער די פערד נעגאנגען צו לאנגזאם... ס'איז שוין לאנג נאכט געווען, ווען זיי האבען זיך דערנעהנטערט צו דער שטאדט; ליכטיג האט זי געשיינט פון וויטען, זיי זיינען דורכגעפאהרען די בעלויכטעטע גאסען, עדמונד האט צוגעמאכט זיינע אויגען, ווייל ער האט ניט געקענט ליידען די ליכט. אין די גאסען, וועלכע זיינען געוועזען פול מיט מענשען האט מען געמוזט לאנגזאמער פאהרען; עדמונד איז ארויסגעשפרונגען פון'ם וואגען און איז צוגעלאפען צו דעם הויז פון דעם האפראטה. פאר דער טיער איז ער פלוצלינג שטעהן געבליבען א ווייל[e], זיין הארץ האט שרעקליך געקלאפט, זיינע אדערן זיינען שיעור צושפרינגען געווארען, ער האט אבער שנעל צוזאמענגענומען אלע זיינע כחות און איז אריין אין דעם וואהנצימער: די עלטערן און די קרובים וועלכע זיינען דארט געווען פערזאמעלט האבען איהם אנגעקוקט פערוואונדערט און פול מיט קומער, א טויט-שטילקייט האט געהערשט אין דעם צימער, מען האט קיין זאך ניט געהערט אחוץ עדמונד'ס שווערע אטהעמען. „עדמונד! עדמונד!" האט זיך דערהערט א שטימע פון א נעבענזייטיגען צימער. עדמונד איז אהין אריינגעלאפען; אנטאניע האט זיך האלב אויפגע-

הויבען אין דעם בעט, אין וועלכען זי איז געלעגען, האָט אויסגעשטרעקט איהרע אָרימס און איהם גערופען „קום!“ ער איז צוגעפאַלען צו איהר ברוסט, דאַן האָט ער געקניעט נעבען איהר בעט, זי האָט גענומען זיינע האַנד אין איהרע און זייערע טרערען האָבען זיך צוזאַמענגעמישט...

אויף דעם פאַמיליען קבר פּון די ראָמאַנס שטעהט אַ נייע מצבה, אויף וועלכער עם זיינען אויפגעשריבען די ווערטער: „אַנטאָניע, שלאָף אין פריעדען!“...

ערמונד איז אַלס פערטרעטער פון דעם פאָטערלאַנד און אַלס פריינד פון גערעכטיגקייט געליעבט און געאַכטעט פון אַלע פריינד פון דעם פאָטערלאַנד און פון גערעכטיגקייט; ניט ערוואַרטענדיג מעהר קיין פערזעהנליכען גליק האָט ער זיין גאַנצע ליעבע, זיין גאַנצעס שטרעבען, זיך אין גאַנצען, גע־ווידמעט דעם וואָהלשטאַנד פון דער גאַנצער געזעלשאַפט. זיין אייגען גליק בעשטעהט נאָר אין דאָס וואָהלזיין פון אַנדערע.

טאָ, ווער איז גליקליך?...